YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv09i48

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 9 Issue 48
December 1927

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 9, Iss. 48)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/410

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 48. | New York, Friday, December 2, 1927 | פרייטאג, 2טער דעצעמבער, 1927 | PRICE 3 CENTS

קאמוניסטישע פארלוימדערס דארפען געהן צו דער גרענד דזשורי — זאגט דזשאדזש

פרעזידענט זיגמאנ'ס קלאגעס געגען זיינע פארלוימדער זיינען גערעכטע. — אפריהער האבען די קאמוניסטען געוואלט, אז זיגמאן זאל זיי אנקלאגען אין קאורט, כדי צו מאכען פראפאגאנדע און איצט ליארמען זיי אז ער וויל זיי פארשיקען אין דזשייל און אז זיי זיינען ניט פאראנטווארטליך פאר אלץ וואס זיי האבען געזאגט.

די קאמוניסטישע פאיאצען, וועלכע האבען דורך קאמעדיאנסקע אדווערטייזמענטס אין זייערע אינטריגישע בלעטלאך פארלוימדעט פרעזידענט זיגמאן און האבען געשריבען אז ער פארמאגט אן אײנענעם קוני־אײלאנד אין אייאווא, וועלען איצט מוזען פארקומען פאר א גרענד־דזשורי.

דזשאדזש בראדסקי האט קלאר געמאכט מיט זיין סטייטמענט, אז די קאמוניסטען האבען ניט געהאט קיין רעכט צו פארלוימדען פרעזידענט זיגמאן און באשמוצען זיין עהרליכען כאראקטער. ער האט דערפאר צוריקגעוויזען אלע פארשלאגען פון די קאמוניסטישע אדוואקאטען, וועלכע האבען פארלאנגט אז ער זאל די קייס ארויסווארפען.

ריכטער בראדסקי האט ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז אלעס וואס די „פרייהייט" בלעטעל און זיין ממזרל, די „איינהייט" האבען געשריבען וועגען זיגמאנ'ען איז געווען פשוטע ליגענס און פארלוימדונגען און די פארלוימדונגען זיינען געווען געצילט צו מאכען דעם איינדרוק אויף עולם אז ער האט באנוצט ארגאניזאציאנס געלד פאר זיינע אייגענע צוועקען.

ווען די קאמוניסטישע לאיערס האבען גע'טענה'ט אז די קאמוניסטען האבען א רעכט צו קריטיקירען פרעזידענט זיגמאן, האט אויף דעם דזשאדזש בראדסקי געענטפערט מיט די פאלגענדע ווערטער:

„יע, צייטונגען האבען די פולע רעכט צו קריטיקירען וויפיל זייער הארץ געלוסט; זיי טארען אבער ניט פארשווארצען א מענשען'ס נאמען און זאגען, אז ער האט גע'גנב'עט געלט, ווען זיי אליין ווייסען, אז דאס איז א ליגען. אייערע צייטונגען האבען געזאגט, אז מר. זיגמאנ'ס פלאץ באטרעפט הונדערט און פופציג טויזענט דאלאר, וועהרענד עס איז ניטא דער מינדסטער באווייז, אז דאס איז א פאקט. די באווייזע זיינען, אז דער פלאץ האט געקאסט צוועלף טויזענט דאלאר, מעהרסטענס געליהענע געלט, מיט א מארטגיידזש פון זעקס טויזענט דאלאר. די אנגעקלאגטע האבען געזאגט 150 טויזענט דאלאר, און זיי האבען געפרעגט: וואו האט זיגמאן גענומען דאס געלט? דאס איז איינפאך באשולדיגט איהם אין

(שלוס אויף זייט 2).

טעגליכער אפען פארום פאנגט זיך ווידער אן נעקסטען מאנטאג

דער טעגליכער אפען פארום איז אין דער זומערדיגער סלעק טיים, אין יעדער באציהונג, געווען א גרויסער ערפאלג. טאג טעגליך האבען זיך הונדערטער קלאוק און דרעסמאכער צוגעהערט צו די אינטערעסאנטע רעדעס און דיסקוסיעס וועגען פארשיעדענע טרייד און יוניאן פראבלעמען. די צוהערער אליין האבען אויך גענאמען די פולע ווארט־פרייהייט, און האבען געהאט די געלעגענהייט צו שטעלען פראגען, אנטייל צו נעהמען אין די דיסקוסיעס, און זיך אראפצורעדען פון הארצען.

דער אפען פארום איז געווארען א באליבטע אינסטיטוציע פון אלע קלאוק און דרעסמאכער. דער פראפאגאנדע דעפארטמענט עפענט דעריבער דעם אפען פארום פאר דעם ווינטערדיגען סיזאן, וועלכער וועט טעגליך רעגעלמעסיג אפגעהאלטען ווערען אין דער בילדינג פון דער קלאוק און דרעסמאכער דזשאינט באארד, און יעדער קלאוק און דרעסמאכער וועט האבען די געלעגענהייט צו דיסקוטירען די פראבלעמען פון טרייד און יוניאן וואס שטעהען איצט אויפ'ן טאג ארדנונג פון אונזער ארגאניזאציע.

דער פארום וועט ערעפענט ווערען מאנטאג, דעם 4טען דעצעמבער, פון בר. פ. דעמביצער, וועלכער וועט רעדען איבער פארטייען און גרופען אין דער טרייד יוניאן באוועגונג. מיר זיינען זיכער, דאס די גרויסע מאסען קלאוק און דרעסמאכער וועלען דעם איצטיגען פארום פונקט אזוי צאלרייך און פלייסיג באזוכען ווי דאס איז געווען דער פאל מיט'ן זומערדיגען אפען פארום.

דזשאינט עקזעקוטיוו מיטינג ארבייט אויס הילפס פלענער פאר מיינערס

באארד און דירעקטארס לייגט פאר א פראגראם. — פרעזידענט זיגמאן אפעלירט פאר שנעלע הילף. — הילפס־קאמיטעט ברענגט שוין אריין קליידער, שיך און אנדערע הילפס־מיטלען צו דער דזשאינט באארד.

ביים לעצטען דזשאינט באארד מיטינג האט פרעזידענט זיגמאן געמאכט א שטורעמדיגען אפיל צו דער דזשאינט באארד, און געפאדערט אז די באארד זאל גלייך זיך אפרופען אויף דעם הונגער־רוף פון די 150 טויזענט מיינערס, וועלכע סטרייקען שוין מעהרער ווי א האלב יאהר צייט.

פרעזידענט זיגמאן האט פאר די דעלעגאטען און אלע אנוועזענדע געסט געשילדערט די לאגע פון די מיינער פאמיליעס, וועלכע באשטעהען פון דריי פערטעל מיליאן נפשות און ווי אזוי די קוילען באראנען האבען די סטרייקערס געטריבען פשוט צו אן אויפשטאנד און זוכען ביי יעדער געלעגענהייט צו דערטרינקען דעם אויפשטאנד אין בלוט.

אויף יעדען שריט און טריט, אויף יעדער פיקעט ליין ווערען די בראווע קעמפער אום'ברחמנות'דיג, אכזריות'דיג באהאנדעלט פון קאמפאניע גענגסטערס און ארגאניזירטע פאליציי, געדונגען פון די קוילען מאגנאטען.

די מיינערס זיינען בארויבט געווארען פון זייערע היימען און וואלגערען זיך אין לייוונטענע געצעלטען אויף די פרייע פעלדער. דאך שרעקט זיי ניט קיין זאך, און זיי געהען אויף דער פיקעט ליין.. די מיינערס זיינען מיט דער האפנונג אז זיי וועלען געווינען דעם קאמף און דאס גיט זיי דעם נויטיגען מוט צו געהן ווי אמת'ע סאלדאטען אין די טרענטשעס און אנפיהרען א קאמף מיט די ארגאניזירטע פאליציי און נאנמען. און קיין קוילען קען מען ניט פראדוצירען, טראץ אלע טעראר מיטלען וואס די קאמפאניע באנוצט געגען די סטרייקערס.

ברודער זיגמאן האט אויך באריכטעט וועגען ספעציעלען קאנפערענץ, וואס די אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר האט איינבערופען אין פיטסבורג צו העלפען די סטרייקענדע מיינערס פון פענסילווייניא. אלע יוניאנס, האט זיגמאן געזאגט, וועלען העלפען די מיינערס אין זייער קאמף, און די אינטערנעשאנאל מוז טאן איהר חלק. די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל מוזען זיך גלייך אפרופען מיט הילף. ער

(שלוס אויף זייט 2)

טאראנטא'ר קלאוקמאכער פול מיט לעבען און קאמפס־גייסט, זאגט באראף

ארגאניזאציאנס קאמיטעס טוען גלענצענדע ארבייט. — די יוניאן פארשטארקט זיך פון טאג צו טאג. — פרעזידענט זיגמאן וועט ווארשיינליך באזוכען טאראנטא נאכדעם ווי סעקרעטאר באראף וועט באריכטען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

דזשענעראל סעקרעטאר באראף איז שוין דא צוריק פון טאראנטא, קאנאדע, און ער האט ווירקליך געבראכט א לעבעדיגען געזונטען גרוס פון די טאראנטא מעמבערשיפ. ווי ברודער באראף באריכטעט, זיינען די טאראנטא קלאוקמאכער פול מיט אפטימיסטישע האפנונגען, און אלע אינטערעסירען זיך מיט דעם לעבען פון דער ארגאניזאציע און די מיטגלידער זיינען דורכגעדרונגען מיט א לעבעדיגען קאמפס־גייסט.

ברודער באראף האט דארטען אפגעהאלטען א באראטונג־מיטינג פון די עקזעקוטיווס, פון אלע לאקאלען. פילע פון די באלעבאטים האבען ארויסגעוויזען אומפאראנטווארטליכקייט, און די באדינגונגען אין די שעפער זיינען געווארען אומערטרעגליך. די יוניאן האט זיך דערווייבער א נעם געטאן צו ארגאניזאציאנס ארבייט און די פארשידענע ארגאניזאציאנס קאמיטעס טוען גלענצענדע ארבייט.

דער דזשאינט עקזעקוטיוו באארד מיטינג האט זיך אבער ארויסגעזאגט דאפיר, אז די ארגאניזאציאנס ארבייט זאל דורכגעהן א שנעלערען פראצעס. די מעמבערס זיינען איצט קאמפס־לוסטיג און זיי רייסען זיך ארויסצוגעהן אין א דזשענעראל סטרייק.

סעקרעטאר באראף האט זיי, פארשטעהט זיך, געגעבען זיין איבערבליק און זיין ראטה איז געווען צו זיין פארזיכטיג אין יעדער האנדלונג, דאן וועלען זיי, לויט דעם ווילען און קאמפס־גייסט פון די מיטגלידער, קומען צו ווירקליכע ארגאניזאציאנס מאכט, דורך וועלכער זיי וועלען קאנען אויספיהרען זייערע באדינגונגען, וואס זיי וועלען שטעלען צו די באלעבאטים.

ווי ברודער באראף ערקלערט, וועט מעגליך ברודער פאלאקאוו, דזשענעראל ארגאנייזער, פון דער אינטערנעשאנאל, אפפאהרען די טעג אין טאראנטא. ארגא־

(שלוס אויף זייט 2)

אלע גרעסטע לאק. 41 שעפער רעגיסטרירען זיך אין דער אינטערנעשאנאל

ארבייטער שטעהען מיט דער אינטערנעשאנאל הונדערט פראצענט. — לאכען זיך אויס פון קאמוניסטישע בלאפס און קאלעקשאן קוויטשערייען.

די קאמוניסטישע חברה מאכען שוין ווידער א פארזוך פאר נייע פושקע־קאלעקשאנס, שרייען זיי קאראאול, אז מען ווארפט זיי פון די שעפער. דער אמת פון דער זאך איז גאר א פשוטע מעשה, ווי מיר האבען דאס איבערגעגעבען שוין א פאר מאל אין דער „גערעכטיגקייט".

לאקאל 41 האט, אנשטאט צו אטענדען צו איהרע יוניאן ביזנעס, געמאכט פון'ם לאקאל א קאמוניסטישע מאכערייסע, און האט ניט געוואלט באצאהלען דער אינטערנעשאנאל דעם אסעסמענט, וואס די באסטאנער קאנווענשאן האט באשטימט, און אויך ניט דעם פער־קאפיטא טעקס.

די לאקאל פיהרערס האבען געשטיצט די קאמוניסטישע ארויסגעווארפענע חברה מיט הונדערטער דאלארס אנצופירען דעם קאמף מיט דער אינטערנעשאנאל. די מעמבערס האבען ארויסגעווארפען די קאמוניסטישע באאמטע און האבען געמאכט א פראוויזארישע עקזעקוטיוו באארד.

די פראוויזארישע עקזעקוטיוו האט בעפאלמעכטיגט די אינטערנעשאנאל באאמטע, דזשענעראל סעקרעטאר באראף, וויים־פרעזידענט גרינבערג, און ווייס־פרעזידענט האלפערין אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט די באסעס.

די אגרימענט איז געווען ערפאלגרייך

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 48.

זייט 2. כ. י. דזשאינט באארד — ב. מאזער; לאקאל 9 נייעס — נ. קוירטאמאן.
זייט 3. אפען פארום אין לאקאל 20 — פנחס בן שמואל; ביי די פרעסער — דזש. ברעסלאוו.
זייט 4. פילאדעלפיא אפטיילונג.
זייט 5. שיקאגא'ר פיידוש.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. עפידעמיע פון אינדזשאנקשאנס — דר. ה. פראנק; פארוואס מען ווארפט ארויס (פעליעטאן) — ז. וואהילער.
זייט 8. בריף פון וועג (דריטער בריף) — ב. דעמביצער.
זייט 9. עקאנאמישע פראבלעמען פון אידישען סטעפער — ה. לאנג.
זייט 10, 11 און 12. נייעס שלוסען, א.א.ז.

וואס א וואך מעהרער אלץ ווייניגער צייט בלייבט צו דעם יוניטי ריי־יוניאן אווענט

אין גאנצען נאך צוויי וואכען צייט. — ווערט שטאטפינדען שבת, דעם 10טען דעצעמבער, אין מאנהעטען אפערא האויז.

וואס א טאג ווערט אלץ ווייניגער צייט צוצוגרייטען זיך צום גרויסען יוניטי ריי־יוניאן טאנץ. אויב איהר ווילט עס זאל אייך ניט באנג טאן, דאן פארנאכלעסיגט ניט און גרייט זיך גלייך צו. געדענקט, אז איהר האט בלויז 2 וואכען צייט.

די אראנזשמענטס קאמיטע האט געמאכט אלע נויטיגע פארברייטונגען פאר דעם אווענט. די קאמיטע האט ניט געשפארט קיין מיה און קיין געלט און געזעהן אז אלץ זאל אויסקוקען ארטיסטיש און זאל זיין אן ערפאלג אין יעדען זין.

עס ווערט זיין א פארגעניגענס־אווענט, וואו מעמבערס און זייערע פריינט וועלען זיך באגעגענען און וועלען זיך אויף א גרויסארטיגען אופן פרעהליך אונטערהאלטען, און מיר קענען דעריבער פאראויסזאגען, אז די היינטיגע יעהריגע אונטערנעמונג וועט זיין א גרעסערער ערפאלג ווי עס איז ווען עס איז געווען.

עס וועלען אויך אנוועזענד זיין די אקטיארען, ארטיסטען, מוזיקאנטען און די אלע אנדערע וועלכע האבען אונז אויף א גרויסארטיגען אופן אמוזירט לעצטענס אין יוניטי הויז. אויך וועלען אנוועזענד זיין די לעקטשורערס, וועלכע האבען אנגעפיהרט די פארשיידענע דיסקוסיעס, און עס וועלען אויך אנוועזענד זיין דער גאנצער מענעדזשינג הויז־סטעף.

דער הויפט פיטשור פון דעם אווענט ווערט זיין דער טאנץ, וועלכער וועט באגלייט ווערען מיט מוזיק פון דער פאל וויטמאן קלעזמער־קאפעליע.

די וואס ווילען האבען פארגעניגען און פארברענגען אן אונפארגעסליכען פרעהליכען אווענט קענען באקומען טיקעטס אין'ם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

די טיקעטס, ארייגרעכענענדיג ווארדראב, באטרעפט בלויז 1 דאלאר און ניט מעהר.

ה. ד. נאמבערג

פון ווארשע איז אנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז דער באריהמטער אידישער שריפטשטעלער און קולטור טוער ה. ד. נאמבערג איז געשטארבען פון א בלוט שטורץ אין א אטוואצקער סאנאטאריום. נאמבערג'ס פריהצייטיגער טויט ווערט אויפריכטיג באדויערט אין אלע אידישע פראגרעסיווע קרייזען, און איז א גרויסער פארלוסט פאר דער אידישער ליטעראטור, פרעסע און פאלקס קולטור.

לעבען אונזער גרויסען פרץ איז נאמבערג געווען דער איינציגער אייראפעער אין דער אידישער ליטעראטור, און א חוץ דעם איהר אינטעליגענט. און פונקט אזוי ווי פרץ, האט זיך אויך נאמבערג נישט באנוגענט מיט דער בלויזער פעדער, און האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט דער קולטורעלער ערציהונג פון די אידישע פאלקסמאסען.

נאך פרץ'עס טויט, איז ער, נאמבערג, געשטאנען אויף דער וואך פון די אידישע פאלקס אינטערעסען און געטריי אפגעהיט די ירושה פון זיין גרויסען לעהרער און פריינד. דער זין זיינער פאר קאנסטרוקטיווער טעטיגקייט אין דער רעליף ארבייט, זיין מסירות נפש פאר דער אידישער קולטור און פאר דעם אידישען שול וועזען און זיין אויסגעהאלטענעם קאמף פאר אידיש — די שפראך פון די אידישע פאלקס מאסען, וואס ער האט נאך קורץ פאר זיין טויט אזוי ווירדיג געפיהרט געגען די שאוויניסטישע העבראאיסטען אויפ'ן לעצטען צוריכער קאנגרעס — האט איהם נאהענט פארבונדען מיט דער אידישער ארבייטערשאפט פון אלע לענדער, וועלכע באוויינען איצט צוזאמען מיט אלע פריינד פון דער אידישער קולטור דעם פריהצייטיגען טויט פון איינעם פון די פעהיגסטע און שעהנסטע פארשטעהער פון דער מאדערנער אידישער קולטור.

נאמבערג האט קוים דערגרייכט דעם 51טען לעבענס עלטער. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1876 אין אומישנא, לעבען ווארשע, ביי רייכע חסידישע עלטערען און האט באקומען א פרומע ערציהונג. די השכלה עפאכע האט איהם ניט אויסגעמידען, און אונטער איהר איינפלוס איז ער געווארען אן אפיקורס. ווי אלע קליינשטעדטעלדיגע אפיקורסים, האט עס אויך נאמבערג'ען געצויגען צו דער גרויסער שטאדט — צום קולטורעלען צענטער.

אלס קולטור שומר האט זיך נאמבערג איבעראל געפונען וואו מען האט באדארפט שאפען, שמידען אדער פארטיידיגען די אידישע פאלקס קולטור. אין טשערנאוויץ אויף דער ערשטער אידישער קולטור קאנפערענץ זעהען מיר איהם צוזאמען מיט פרץ'ן פראקלאמירען די אידישע שפראך אלס די נאציאנאלע שפראך פון דעם אידישען פאלק, און זייט דעמאלט זעהען מיר איהם איבעראל און אומעטום ווי ער העלפט פארטיפען, פארגרעסערען און בויען דעם גרויסען קולטורעלען בנין פון די אידישע פאלקס מאסען.

פאליטיש איז נאמבערג געווען א פאלקיסט לויט'ן מוסטער פון פראפעסאר שמעון דובנאוו און איז זאגאר א געוויסע צייט אויך געווען א קאנגרעסמאן אין פוילישען סיים. דאס האט איהם אבער קיינמאל ניט געשטערט צו זיין אין נאהענטע סימפאטיעס מיט'ן אידישען ארבייטער און זיין פארטיי דעם „בונד" וועלכען ער האט נאך פון זיין קראנקען בעט צוגעשיקט די הארציגסטע ברכות, צוליב דעם דרייסיג יאהריגען יובילעאום וואס דער „בונד" אין פוילען האט נישט לאנג צוריק געפייערט.

לאקאל 62 ארראנזשירט א שעהנעם אווענט פאר די מיטגלידער

דאס ווערט זיין שבת, דעצעמבער דעם 3טען אין בילדינג פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

די מיטגלידער פון לאקאל 62 וועלען זיך אויף א גרויסארטיגען אופן משמח זיין אויף א טאנץ־אווענט, וואס דער לאקאל האט ארראנזשירט אויף שבת אווענט, דעם 3טען דעצעמבער, אין דעם אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, 3 וועסט 16טע סטריט. דער טאנץ ווערט זיך אנהויבען פינקטליך 8 אוהר אווענט.

די ארראנזשמענטס קאמיטע האט געטאן אלעם מעגליכעס, אז די אונטערנעמונג זאל זיין א גרויסער ערפאלג און די געזעלשאפטליכע פארוויילונג ווערט זיין אויף א גרויסארטיגען אופן. עס ווערט זיין פרעהליך און לעבעדיג אין יעדען ווינקעלע. פאר די מעמבערס ווערט דאס זיכער זיין אן אונפארגעסליכער פארגעניגענס־אווענט.

דאס איז די ערשטע פון א רייהע אונטערנעמונגען, וואס דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, אין פארבינדונג מיט אן עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 62, האט ארראנזשירט פאר דעם סיזאן.

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון לאקאל 62, 117טע 2טע עווניו.

א פארדריסליכער טעות

אין א באריכט פון דער אפשטימונג ביים דזשענעראל מעמבער מיטינג פון לאקאל 22, ניו יארקער דרעסמאכער, וועגען פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט און וועגען די קאנווענשאן שטאט, וואס איז ערשינען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", איז געווען געמאלדען, אז לאקאל 22 האט געשטימט פאר דעם פלאן פון דער פילאדעלפיער קאנווענשאן, דאס הייסט פאר מאדיפיצירטע פארטרעטערשאפט, און פאר באסטאן אלס קאנווענשאן שטאדט.

דאס איז ניט ריכטיג. לאקאל 22 האט געשטימט פאר פולע פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט, די מינאריטי רעפארט. אויך האט לאקאל 22 געשטימט פאר די יוניטי הויז אלס דער פלאץ וואו די קאנווענשאן זאל אפגעהאלטען ווערען נעקסטען מאי.

ארבייטער פון פיליפ גאלדשטיין'ס שאפ, אויפמערקזאם!

אלע ארבייטער פון פיליפ גאלדשטיין'ס שאפ, 34 וועסט 37טע סטריט, זיינען געקומען צו מעלדען זיך אין דזש. באארד אפיס, מאנטאג, דעם 28טען נאוועמבער, צווישען 11 און 12 אין דערפריה.

יעדער מעמבער פון דעם שאפ טאר ניט פארפעלען צו קומען, ווייל זיי מוזען אינפארמירט ווערען וועגען זעהר וויכטיגע שאפ אנגעלעגענהייטען.

סעמועל פערלמוטער,
מענעדזשער אינד. דעפארטמענט.

ברודער דעמביצער קומט צוריק פון זיין טור

ברודער פ. דעמביצער, מענעדזשער פון פראפאגאנדע דעפארטמענט איז שוין צוריק אין אפיס, נאכדעם ווי ער איז געווען עטליכע וואכען איבער'ן לאנד אין די אינטערעסען פון אונזער אינטערנעשאנאל, און אלע אונזערע לאקאלס, ארבייטער רינג ברענטשעס און אנדערע ארבייטער אינסטיטוציעס, קאנען זיך ווענדען צום אפיס, וועגען רעדנער און לעקטשורערס איבער טרייד יוניאן פראבלעמען, און וועגען פראגען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער פראפאגאנדע דעפארטמענט ארגאניזירט אויף פאר'ן גאנצען ווינטער אפען פארומס אין פארשידענע טיילען פון גרויס ניו יארק. דער ערשטער פארום ווערט שטאטפינדען פרייטאג אווענד, דעם 2טען דעצעמבער אין בראנזווילער ליבאר לייסעאום, 219 סאקמאן סטריט, און ווערט דארט פארקומען רעגעלמעסיג יעדע וואך פרייטאג אווענט. א צווייטער וועכענטליכער אפען פארום ווערט ארגאניזירט אין די בראנקס און ווערט ערעפענט ווערען זונטאג, דעם 4טען דעצעמבער. אין עטליכע טעג ארום ווערט אויך ערעפענט ווערען א טעגליכער אפען פארום אין דאון טאון סעקשאן פאר דער גאנצער סלעקטיים. די קלאוק און דרעס מאכער אפען פארומס זיינען צו די טויזענטער קלאוק און דרעסמאכער באקאנט אלס א דעמאקראטישע אינסטיטוציע, וואו יעדער באזוכער קאן זיך באנוצען מיט דער פרייהייט פון ווארט. אין ביידע פארומס וועלען אויך פארקומען ליטעראריש פארלעזונגען און געזאנג פון ארבייטער און פאלקס לידער.

קלאוק און דרעסמאכער, באנוצט אייך מיט דיזער וויכטיגער קולטור אינסטיטוציע און קומט מאסענווייז צו די אפען פארומס.

ערעפענונג פון ארבייטער אוניווערזיטעט שבת, דעם 3טען דעצעמבער

אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, רום 530.

די ארבייטער בילדונגס אוניווערזיטעט ווערט זיך עפענען שבת, דעם 3טען דעצעמבער, 1.30 נאכמיטאג אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול, 16טע סטריט און אירווינג פלייס, רום 530.

דער ערשטער לעקטשור ווערט געהאלטען ווערען פון א. ז. מאסטי, דער הויפט פון ברוקוואוד קאלעדזש. די טעמע איז: „דער ארבייטער און די מאדערנע ציוויליזאציע".

שבת, דעם 4טען דעצעמבער, 11 אוהר פרי, ווערט דר. ג. ב. פאגין, פון דער באלטימארער אוניווערזיטעט אנהויבען א קורס לעקציעס וועגען דער צייטוויילינגער אמעריקאנער ליטעראטור.

א מעהר דעטאלען עדיוקיישאנאל פראגראם ווערט דער לעזער געפינען אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער „גערעכטיגקייט".

פאר ניין מענשען פון צעהן איז א מאהלעריי א בילד און א סיגארעט א סיגארעט

אבער דער צעהנטער מענש פערשטעהט און שאצט אפ די געניאליטעט, וואס האט ארויסגעבראכט די אלטע מייסטערווערק און וועלכע בעזארגט איהם יעצט מיט מיוראד... דער סיגארעט פאר דעם צעהנטען מאן. עס ליגט טיעף א הינטערגרונד פאר דער קוואליטעט פון מיוראד... דערפאר איז מיוראד דער סיגארעט וואס געהט אן יאהר־איין יאהר־אויס. דער צעהנטער מענש קען פערשטעהן דעם אונטערשיעד... קען הנאה האבען פונ'ם זעלטענעם געשמאק און ארמאט פון דעם בעסטען וואס געלד קען קויפען.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסערגעוועהנליכען מאן, וועלכער פיהלט דאס ער איז בערעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען.

דער אָפּען פאָרום פון לאָקאַל 20 אין רענד סקול

די נשמה פון א קליינעם פאָלק. — די רעדעס פון די קאַנדידאַטען. — פריד־מאַן, פאָלינסקי, גינגאָלד, וויינגאַרד און לעווים. — די פאַרשטעלטע לשון־הרע פון די רעדנערס א. א. וו.

פון פנחס בן שמואל.

אין א בוך פון א באריהמטען ענג־לישען שרייבער „העלדען און העלדען־פאַרגעטערונג" ברענגט ער ארויס אַז די נשמה פון א פאָלק קען אָפּגעשאַצט ווע־רען לויט די מענשען־העלדען אָדער גע־טער־העלדען, וואָס דאָס פאָלק פאַרגע־טערט. ער באַווייזט, אַז וואָס זאַפטיגער עס איז די נשמה פון א פאָלק, אַלץ שעה־נער קען דאָס פיהלען, אַלץ מעהר קאָן עס זיך באַגייסטערען.

א רייניגע פאָלקס־נשמה וועט שטענ־דיג געפינען א מענש, א גאָט, אַן אידעאַל, עפּעס א נייע זאַך, וואָס זאָל זיי באַגייס־טערען.

די ריינקאָוט מאַכער יוניאָן, א קליינע אומה, א קליין פאָלק, א קליינער לאָקאַל, האָט אָבער, ווייזט אויס, א רייניגע זאַפטיגע פאָלקס־נשמה. דער לאָקאַל זוכט דערוי־בער אַלע מאָל אויס נייע זאַכען דורך וועלכע באַגייסטערט צו ווערען. האָט ער דעריבער בעפאָר עלעקשאָן איינגעפיהרט אַן אָפּען פאָרום, א מין סימפּאָזיום, וואו די לויפענדע קאַנדידאַטען זאָלען ארויס־זאָגען זייערע מיינונגען וואָרום זיי ווילען דוקא זיין קאַנדידאַטען פאַר געוויסע עמ־טער.

דאָס איז א גוטער איינפאַל; אַן איינ־פאַל פון אַן אינטערעסאַנטען פאָלק, וואָס זוכט אַלע מאָל עפּעס נייעס און נעמט ערנסט איהרע פאַרשטעהער. ווייל וואָ־רום זאָל טאַקע יעדער „טאָם, דיק און העררי" קענען קאַנדידירען פאַר א וויכ־טיגען אַמט אין דער יוניאָן? איז דען א יוניאָן עפּעס א ביליגע סאָשעל סאָסייעטי־לע פון א פּאָר זאַטע דאַמען און הערען, וואָס זוכען ערגעץ וואו צו פאַרשווענדען זייער פּוסטע צייט?

א יוניאָן איז א טייל פון דער גרוי־סער אַלוועלטליכער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ריזיג־סטען מאָנומענט פון אונזער יאָהרהונ־דערט. עס איז א קונסט־ווערק, א קונסט־ווערק פון לעבענס־שטראָם גופא.

לויפט איינער פאַר אַן אַמט. זעהר גוט. דאָס איז שעהן. דאָס צייגט ווילען און מענשליכע אַמביציע. אָבער די מאַ־סען דאַרפען וויסען ווער ער איז. צי פאַרשטעהט ער דעם קינסטלערישען פאַך, צי איז ער דורכגעגאַנגען אַם ווענינסטענס א פּאָר קלאַסען פון דער אַרבייטער־באַ־וועגונג שולע, כדי מען זאָל איהם קענען טרויען אַז ער זאָל צוטרעטען צו דער אַר־בייט און זאָל פון דער אַרבייט ניט מאַכען קיין „באַטש" דזשאָב.

דער ריינקאָוט מאַכער יוניאָן קומט קרעדיט פאַר מאַכען דעם דאָזיגען פּרע־צעדענט פון דורכפיהרען אַזאַ מין סימ־פּאָזיום, וואו די קאַנדידאַטען זאָלען אָפּ־געבען „עקזאַמען" פאַר דער ברייטער מעמבערשיפּ.

איך בין ניט געווען ווען דער ערשטער רעדנער, ברודער לעווים, דער קאַנדידאַט פאַר סעקרעטאַר, האָט גערעדט, אָבער מען האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט ניש־קשה'דיג גערעדט, און אַלס א געגנער־קאַנדידאַט פאַר טשערמאַן צו סעם פריד־מאַן, איז ער אָנגעפאַלען אויף דער אַד־מיניסטראַציע, ווייל די אַדמיניסטראַציע איז, לויט זיין מיינונג, ניט געווען שפּאָר־זאַם אין לאָקאַלס אויסגאַבען און איז אין אַנדערע פילע וועגען ניט געגאַנגען אויפ'ן דרך הישר.

עס מאַכט ניט אויס צי לעווים האָט א ביסעל די פאַקטען איבערטריבען. ער האָט אָבער, זייענדיג א געגנער־קאַנדי־דאַט, געהאַט א רעכט אַזוי צו רעדען, און אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך געהאַלטען אין די ראַמען פון אַנשטענדיגער קריטיק איז ער געווען אַם פּלאַץ. ווייל מען קען ניט ערוואַרטען פון א געגנער, ער זאָל צוגע־בען, אַז זיין געגנער־קאַנדידאַט איז גע־רעכט.

דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל האָט אַמאָל זיך געאַמפּערט מיט זיינעם א באַ־קאַנטען שרייבער וועגען דעם אַמאָליגען אָנפאַל פון די יונגע שרייבער אויף די אַלטע, און ער האָט יענעם איבערצייגט אַז דער אָנפאַל איז ניט געווען קיין באַ־רעכטיגטער, אַז די יונגע האָבען א סך איבערטריבען מיט זייער קריטיק. „עס איז אמת", האָט ער מיר געענטפערט, „אָבער ווען מיר זאָלען דאָס ניט געווען טאָן, וואָלט דאָך אונזער וואָרט ניט גע־ווען קיין נייע וואָרט, און מיר וואָלטען די אַלטע שרייבער גאָר ניט וועה געטאָן מיט אונזער קריטיק"...

דאָס איז דער כאַראַקטער פון א געג־נער, און ברודער לעווים וואָלט זיכער ניט געקאָנט באַשולדיגט ווערען פאַר זיינע איבערטרייבונגען און זיין רעדע ווייל ער איז דאָך א געגנער־קאַנדידאַט.

זיינע פראַגען אָבער, זעהט איהר, איז יאָ דאָ וואָס צו קריטיקירען. די פראַגע צו פאָלינסקי'ן וועגען דער מעשה מיט דעם טרונק שנאַפּס האָט געמאַכט א שלעכטען איינדרוק. דאָס איז פשוט גע־ווען פאַרשטעלטע לשון הרע, און ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען דורך פאָלינסקי'ס רעדע, איז דאָס פשוט געווען א ליגען. מסתמא האָט עמיצער ברודער לעווים'ן דערצעהלט א באָבע־מעשה און ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַן אמת. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט געווען זיין, אַזוי לאַנג ווי ער איז ניט געווען איבערצייגט, האָט ער אַזאַ פראַגע און עהנליכע אַזעלכע פראַ־גען ניט באַדאַרפט שטעלען.

און ווי שטעהט ערגעץ געשריבען אין א דרשה, וואָס איינער פון גליל האָט גע־דרשנ'ט פאַר רב חסדא'ן: אַז דער פאָראויסגעהענדער שעפּס איז בלינד, פאַרפיהרט ער די גאַנצע סטאַדע. ער זעהט ניט וואו צו געהן, פאַלט ער אריין אין גריבער, און די גאַנצע סטאַדע געהט איהם נאָך און אַלע פאַלען אין די זעלבע גריבער. אַז דער לויפענדער קאַנדידאַט פאַר טשערמאַן, ברודער לעווים, דער פיה־רער, האָט געשטעלט אַזעלכע פראַגען, — האָבען שוין זיינע קאָלעגען, ברודער סאַ־ראַף אריינגערעכענט, אויך געפרעגט אַזעלכע פראַגען און זיינען אריינגעפאַלען אין דער זעלבער גרוב. זיי האָבען געהאַט דעם זעלבען ניט גוטען טעם און דער עולם האָט זיך געקרימט הערענדיג אַזעל־כע פראַגען. זיי האָבען געפיהלט, אַז דאָס איז ניט קיין עקזאַמען אָפּגעגעבען, נאָר פשוט געגנערישע פאַרלוימדונגען. דער־פאַר אָבער האָט זיך סעם פרידמאַן, דער געוועזענער לאָקאַל סעקרעטאַר און איצ־טיגער קאַנדידאַט פאַר טשערמאַן, אויס־געצייכענט מיט זיין רעדע, און די רעדע האָט זיכער די ווערט אַז מען זאָל כאָטש א טייל איבערגעבען אין דער „גערעכ־טיגקייט". צווישען אַנדערעס האָט ער אַזוי געזאָגט:

„איך געדענק פון א צייט אין לאָקאַל, ווען עס איז ניט געווען אַפילו רענט איינ־צוצאָהלען. ערשט אין דעם דזשענעראַל סטרייק פון 1910 איז די ריינקאָוט מאַ־כער יוניאָן צום ווירקליכען לעבען געקו־מען. און ווען איך ציה אונטער דעם סך הכל פון דאַמאָלס ביז איצט, איז דאָס אַן אונטערשייד ווי פון טאָג ביז נאַכט, ווי פון ליכט ביז פינסטערניש.

„מען איז דאַמאָלס געוואָרען א מיט־גליד פאַר א דאָלאַר מיט 45 סענט. מען האָט ניט געצאָהלט קיין אַסעסמענטס. ס'איז געווען א ביליגע יוניאָן, אָבער מען האָט קיין לעבען ניט געמאַכט, און אַז מען האָט געמאַכט א לעבען איז דאָס גע־ווען א ביליגער לעבען.

„דער אידעאַליסטישער עלעמענט האָט געבויט ציגעל ביי ציגעל, און אַלס רע־זולטאַט דערפון האָבען מיר היינט א יונ־יאָן, מיט וועלכער מען קען זיך אוועק־שטעלען אויף א פּלאַטפאָרמע און פאַר־גלייכען זיך מיט די שטאַרקסטער יוניאָנס.

„געוויס איז דאָ וואָס צו קריטיקירען. די וואָס קריטיקירען זיינען ניט געשטאַ־נען ביים ווינגעלע פון דער יוניאָן, קענען זיי זיך פאַרגינען דאָס צו טאָן. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. קריטיק איז א גוטע און געזונטע זאַך אין א יוניאָן. קריטיק טרייבט צו טעטיגקייט, צו ריה־רעוודיגקייט און צו פאָרזיכטיגקייט, אָבער קריטיק מוז זיין פון א קאָנסטרוק־טיווען כאַראַקטער — קריטיק אויסצו־שעהנערען, אויסצובעסערען, אָבער ניט קיין צושטערענדע און דעמאַגאָגישע קרי־טיק.

„כדי די יוניאָן זאָל געפיהרט ווערען אַזוי, אַז די מעמבערס זאָלען האָבען דעם פולען בענעפיט, דאַרף מען האָבען מענ־שען וואָס זאָלען טראַכטען און האַנדלען זעלבסטשטענדיג און ניט זיין פאַרמאַרט־גיידזשט צו א פּאַרטיי. מענשען, פיה־רענדע עלעמענטען אין א יוניאָן, דאַרפען האָבען א רוקען־ביין, דאַרפען דענקען און האַנדלען זעלבסטשטענדיג פאַר די אינ־טערעסען פון דעם טרייד. אין קורצען גערעדט, מען דאַרף זיין זעלבסטשטענ־דיגע טרייד־יוניאָניסטען.

„צו א יוניאָן באַלאַנגען פאַרשיידענע מענשען און טאַקע דערפאַר דאַרף די יונ־יאָן זיין זעלבסטשטענדיג און טאָלערי־רען אַלעמענס מיינונגען.

„איך בין א רעכטער, זאָגט מען. איך פיהל זיך אָבער צו זיין ראַדיקאַלער און ליבעראַלער ווי געוויסע אַזוי גערופענע לינקע. די צרה איז אָבער מיט מיר, וואָס איך קען ניט זיין קיין חונף און מעגליך, אַז היינטיגע צייטען דאַרף מען דאָס.

„וועגען דער קריטיק פון אָרגאַניזיי־שאָן־אַרבייט איז א פאַקט, אַז מען קען ניט טאָן די אַרבייט מיט אַלע מיטגלידער גלייך, און א יוניאָן דאַרף זיך געפינען גליקליך ווען זי פאַרמאָגט א פלינקען, ריהרעוודיגען עלעמענט וואָס איז בכח צו געהן אויפ'ן פראָנט ליין.

„מען פאָדערט פון אונז א מאַקסימום רעזולטאַטען. דאָס קען קיינמאָל ניט זיין, און קיין פאַראַנטוואָרטליכער מענש קען אַזאַ זאַך ניט זאָגען. געוויס דאַרף זיין אין א יוניאָן עקאָנאָמיע, און דער עיקר פון אַלעס, מען דאַרף אַלעמען גלייך באַ־האַנדלען.

„מיין פּאָליסי איז אַלעמאָל געווען אַן אָפענע. איך בין שטענדיג געווען דער־פאַר, אַז טרייד יוניאָנס זאָלען זיין זעלבסטשטענדיג. איך האָב נאָך אין רוסלאַנד, אין 1906, געקעמפט צווישען מיינע רעוואָלוציאָנערע קרייזען פאַר אומ־אָפּהענגיגע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגען".

אָט אויף אַזאַ גלענצענדען שטייגער האָט פרידמאַן פאָרטגעזעצט זיין רעדע און האָט אויך באַשולדיגט די קאָמוניס־טען, דאָס ווען זיי זיינען געווען אין קראַפט האָט מען באַזייטיגט אַלע כחות, האָט מען געטרייעט יעדען איינעם מאָ־ראַליש טויטען. מען האָט זיך צו איהם זאָגאַר אויסגעדריקט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„מיר ווילען האָבען אייער פונט פלייש. מיר ווילען אייך ערנידעריגען. מיר ווילען אַפילו ניט, אַז איהר זאָלט רע־זיגנירען פון דער פינאַנץ־קאָמיטע פון עקזעקוטיוו באָארד, נאָר מיר ווילען אייך ארויסוואַרפען".

פרידמאַן'ס רעדע האָט ארויסגערופען שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען.

דער איצטיגער טשערמאַן פאָלינסקי און דער לויפענדער קאַנדידאַט פאַר סעק־רעטער איז ניט געווען אין א פּאָזיציע צו מאַכען אַן אַלגעמיינע רעדע, ווייל זיי־נע געגנער האָבען איהם אוועקגעשטעלט אין א לאַגע, וואו ער האָט זיך באַדאַרפט פאַרטיידיגען פון די פאַרשיידענע פיילען, וואָס זיינען אין איהם געוואָרפען געוואָרען. אָבער דאָך אַלס אַן אַלטער עהרליכער סאָלדאַט איז איהם געלונגען צו באַריה־רען אויך אַלגעמיינע פראַגען.

פאָלינסקי האָט גערעדט פון פּראַקטי־שע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. ער האָט אָנגעוויזען ווי אַזוי ער האָט אַלע יאָהרען זיינע געאַרבייט אויפצובויען א יוניאָן. „און איך פיהל זיך גליקליך", האָט ער געזאָגט, „וואָס איך בין געווען איינער פון די הויפּט־בויער, און איך זעה איצט פאַר מיינע אויגען א שעהנע שטאַרקע יוניאָן. וואו די מעמבערס קענען מיט שטאָלץ פאַרטיידיגען זיך געגען זייער שונא, דעם באָס".

פאָלינסקי האָט באַוויזען מיט פאַק־טען ווי אַזוי ער האָט ניט נאָר אין ניו יאָרק געבויט די יוניאָן נאָר אויך די לעצ־טע צייט, ווען ער איז געשיקט געוואָרען אין באָסטאָן, האָט ער געאַרבייט טאָג און נאַכט און ס'איז איהם געלונגען די אַר־בייט. די באָסטאָנער ריינקאָוט מאַכער האָבען איצט א יוניאָן.

ער האָט אויך אָנגעוויזען אויף אַנ־דערע ערפאָלגרייכע אָרגאַניזאַציאָנס־אַר־בייט, וואָס אַפילו זיינע געגנער, וועלכע האָבען אין איהם אַזוי פיל גיפטיגע פיי־לען געוואָרפען, האָבען ניט געקענט אָפּ־לייקענען. צום ענדע פון זיין רעדע האָט ער אַזוי געזאָגט:

„איך גלויב, אַז אין א יוניאָן דאַרפען זיין מענשען, וואָס זאָלען וויסען וואָס זיי האָבען צו טאָן, זיי זאָלען פאַרשטעהן די אַרבייט און זיין טריי און איבערגעבען. איך גלויב, אַז אין א יוניאָן דאַרפען זיין מענשען, וואָס זאָלען ניט מורא האָבען צו זאָגען די מעמבערס דעם אמת. א פיהרער טאָר ניט זיין קיין פאַרפיהרער. דער וועג פון א פיהרער, סיי אין א קליי־נער און סיי אין א גרויסער יוניאָן, דאַרף זיין אַן עהרליכער, א גלייכער און ניט געבויט אויף חניפה און היפּאָקריטסטוואָ. און דער עיקר פון אַלעס טאָר א יוניאָן ניט זיין קיין עק פון קיין שום פּאַרטיי, ווייל א יוניאָן האָט איהר אייגענעם וועג. ווערט א יוניאָן געפיהרט פון א פּאַרטיי, דאַן בלאָנדזשעט זי און די מעמבערס ליי־דען דערפון".

פאָלינסקי'ס רעדע האָט אויך געמאַכט דעם נויטיגען איינדרוק און דער עולם האָט איהם גרויסאַרטיג אַפּלאָדירט.

עס האָט אויך געהאַלטען א פיינע רעדע אין ענגליש ברודער אַלינסקי, דער קאַנדידאַט פאַר מענעדזשער. ער האָט אָנגעוויזען, אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט באַלאַנגט צו קיין פּאַרטיי און ער האָט צוגעזאָגט צו אַרבייטען בלויז פאַר די אינטערעסען פון די מעמבערס.

(שלוס אויף זייט 11)

וואָס הערט זיך ביי די קלאָוק און דרעס פּרעסער יוניאָן לאָקאַל 35?

פון דזש. ברעסלאָוו, מענעדזשער לאָקאַל 35.

די רעזולטאַטען פון אונזערע עלעק־שאָנס זיינען שוין מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט צו אונזערע מעמבערס, נאָר מיר מוזען זיך אָפּשטעלען נאָך אַמאָל ביי דער פראַגע דערפאַר ווייל פילעס, פילעס האָבען פילע געלערנט פון דיזע עלעקשאָנס. ביי דיזע עלעקשאָנס האָט דער ווילען פון אונ־זער גרויסער מעמבערשיפּ געזיגט. עס האָבען זיך געפונען איינצעלנע פּערזאָנען וועלכע האָבען געדענקט אַז זיי קענען באַ־קעמפען דעם ווילען פון דער גרויסער מעמ־בערשיפּ. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלעס וואָס נאָר מעגליך צו אַטאַקירען און פאַר־
מיר האָבען קיינעם ניט געטשעפּעט, קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט, קיינעם ניט געענטפערט. מיר האָבען זיך פאַר־לאָזט אויף דעם פאַרשטאַנד און אינטעלי־גענץ פון אונזער גרויסער מעמבערשיפּ. אונזער מאָטאָ איז געווען: זאָלען זיי טאָן ווי זיי פאַרשטעהען; זאָלען זיי ער־ווילען דיזע וועלכע זיי גלויבען אַז זיי קענען זיי פאָרטרעטען, און מיר האָבען זיך ווירקליך ניט אָפּגענאַרט. די גרויסע מעמבערשיפּ האָט געגעבען איהר ענטפער. זיי זיינען געקומען אין די מאַסען אָפּגעבען זייער שטימע. זעלטען ווען מיר האָבען געהאַט אַזאַ גרויסען וואָוט, ווי עס איז אָפּגעגעבען געוואָרען אין די לעצטע עלעק־שאָן. נעהנטע עלף הונדערט שטימען זיי־נען אָפּגעגעבען געוואָרען. אונזער מענע־דזשער איז ערוועהלט געוואָרען מיט 877 געגען 130 שטימען, וועלכע האָבען געגע־בען אונזערע געגנער, און מיט דער זעל־בער פּראָפּאָרשאָן איז אויך ערוויילט גע־וואָרען דער טשערמאַן און די עקזעקוטיוו באָארד. פאָלגענדע זיינען ערוועהלט גע־וואָרען פאַר דעם יאָהר 1928: פאַר מע־נעדזשער דזש. ברעסלאָוו, פאַר טשערמאַן פון דעם לאָקאַל לואיס ריעף; פאַר עק־זעקוטיוו באָארד מעמבערס: מש. אַראָנ־סקי, ס. אייזענבערג, ל. בינגעל, מ. גלאָזער, א. לעווינסאָן, י. הורוויטץ, דזש. זיידמאַן, מ. סילווערמאַן, א. זאַסלאָוו, ה. דובאָוו, י. ראָטשטיין, מ. פריזער, ה. רובינשטיין, ב. טרילינג, ווילי בוירסטען, ה. שלאַקמאַן, קאַרל קאָלבאַס, ס. דייטש, מ. שעכטער, מ. לאָעוו, דזש. שולדינער, דזש. קאַטץ, מש. קווין, ס. סייפס. פאַר ביזנעס איידזשענטס מ. גאָלדאָווסקי, ל. בעצאַלער, ה. דאָרפ־מאַן, י. וואַסילעווסקי, נ. שעכטער.

און ווי גרויסאַרטיג עס איז געוועזען אונזער עלעקשאָן, אַזוי אויך איז געווע־זען אונזער אינסטאַלישאָן. געהייסען האָט עס אַז עס וועט ניט זיין קיין פּאַבליק אינ־סטאַלישאָן, נאָר אַז עס וועט ערלויבט ווערען יעדען מעמבער בייצוואוינען די אינסטאַלישאָן. אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז עס איז פון זיך אַליין געוואָרען א פּאַבליק אינסטאַלישאָן. עס איז געקומען אַזוי פיל מעמבערס בייצוואוינען די אינסטאַלישאָן, אַז דער וועבסטער האָל איז געוואָרען געפּאַקט, און עס איז גע־ווען איינער פון די שענסטע מיטינגען וואָס איז ווען אָפּגעהאַלטען געוואָרען. אונזער לאָקאַל האָט איינגעלאַדען פּרעזי־דענט זיגמאַן צו אינסטאַלירען די ניי־ער־וויילטע באַאַמטע און אויך איינגעלאַדען סעקרעטערי באַראָף, וויים פּרעזידענטס דו־בינסקי, נינפאָ, רייזבערג, האָכמאַן, פיינ־שטיין פון די געווערקשאַפטען, ב. שלעזינ־גער, אַב. ראָזענבערג, און אַלע איבעריגע דזשאָינט באָארד און לאָקאַלע באַאַמ־טע. זעהר שעהן און איינדרוקספול זיינען אינסטאַלירט געוואָרען אונזערע ניי־ערוויילטע באַאַמטע און זעהר פּאַסענ־דע רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון אַלע אינטערנעישאָנאַל, דזשאָינט באָארד און לאָקאַלע אָפיסערס צו דיזער געלעגענ־הייט. אויך שעהן און האַרציג זיינען גע־ווען די רעדעס פון אונזער געוועזענעם טשערמאַן, מאַקס קאָהן, און אונזער ניי־ערוועהלטען טשערמאַן לואיס ריעף. אויך דער שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן האָט גע־רעדט. אַלעמענס רעדעס זיינען אויפגע־נומען געוואָרען מיט שטורמישע אַפּלאָ־דיסמענטען. בלומען זיינען געשיקט גע־וואָרען פון פאַרשיידענע שעפּער, איינצעל־נע פּערזאָנען און פון דעם פּרעסערס קלוב — צו די ניי־ערוויילטע באַאַמטע. די אַט־מאָספערע, דער ספּיריט און פריינדליכער גייסט, וואָס האָט געהערשט ביי דיזע אינ־סטאַלישאָן וועט לאַנג, לאַנג ניט פאַרגע־סען ווערען פון אונזערע מעמבערס. עס האָט געשוועבט דער גייסט פון פאַראייני־גונג, האַרמאָניע, פרידליכקייט, און מיט דער ענטשלאָסענהייט צוריק אויפצובויען דעם לאָקאַל און דורך דעם לאָקאַל די אַל־געמיינע יוניאָן.

אונזער עקזעקוטיוו באָארד האָט שוין געהאַט איין מיטינג, און מיר פאַנגען אָן אויסצואַרבייטען פּלענער ווי אַזוי צו פאַר־שטאַרקען דעם לאָקאַל און ווי אַזוי אויס־צונוצען דעם נעקסטען סיזאָן פאַר דעם בענעפיט פון אונזערע מעמבערס. אַזוי שנעל ווי מיר וועלען אויסאַרבייטען פּלע־נער, וועלען מיר זיי ברענגען בעפאָר אונ־זערע מעמבערס. פילעס איז דאָ יעצט צו טאָן, און פילעס דאַרף געטאָן ווערען און פילעס וועט געטאָן ווערען. וואָס און ווי אַזוי וועלען מיר באַריכטען אין אונזער נעקסטען רעפּאָרט.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

פון ב. מאזער, סעקרעטאר.

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 25טען נאוועמבער, אין 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן — ברודער ב. קאפלאן.

צושריפטען:

לאקאל 2 האט פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל באשטימען 2 מעמבערס אנטייל צו נעמען אין זייער לאקאל עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, וועלכע וועט מיטען דעם 30טען נאוועמבער אין לאקאל אפיס.

דער פארלאנג איז גוטגעהייסען געווארען און די פאלגענדע מעמבערס זיינען אפאינטעט געווארען: פיליפ קאהען, לאקאל 9; מ. קאנסקי, לאקאל 23.

לאקאל 35 האט געלאזט וויסען דעם דזשאינט באארד, אז די ברידער מ. גאלדאווסקי, ל. באצאהלער, ה. דארפמאן, י. וואסיליעווסקי און נ. שעכטער זיינען ערוועהלט געווארען ביזנעס אייזשענטס פון זייער לאקאל.

דער צושריפט איז איבערגעגעבען געווארען צום דזשענעראל מענעדזשער.

א צושריפט איז אויך ערהאלטען געווארען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אויפפאדערענדיג דעם דזשאינט באארד צו שטיצען די 150,000 סטרייקענדע מיינערס אין פענסילווייניא, צפון ווירדזשיניא א. ז. וו. דער דזשאינט באארד איז אויפגעפאדערט געווארען גלייך צו ארגאניזירען, צוזאמען מיט איהרע אנגעשלאסענע לאקאלען, מיינערס רעליף קאמיטעען, צו זאמלען געלט, עסענווארג, קליידער א. ז. וו. צווישען זייערע מיטגלידער.

נאכדעם ווי דער אפיל איז געלעזען געווארען, האט פרעזידענט זיגמאן באריכטעט, אז ער איז אנוועזענד געווען אויף א קאנפערענץ פון אלע נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע יוניאנס אפגעהאלטען אין פיטסבורג לעצטע וואך אין באצוג די מיינערס. ער האט ערקלערט, אז די פאקטען, וואס זיינען אנגעגעבען געווארען ביי דער קאנפערענץ פון די באאמטע פון דער מיינערס יוניאן בנוגע דער לאגע פון די סטרייקענדע מיינערס, זיינען געווען שוידערליך. די מיינערס און זייערע פאמיליען זיינען ארויסגעיאגט געווארען פון זייערע היימען, וואו זיי האבען געוואוינט יאהרען און יאהרען. די מיינערס יוניאן האט פראבירט דורך קאורט אפצושטעלען דאס, אבער זי איז געווען אומערפאלגרייך, ווייל די קאמפאניס האבען באהויפטעט כלומרשט, אז זיי מוזען פיקסען די רופס פון די הייזער. די יוניאן האט דאן גלייך אויפגעבויט עטליכע הונדערט ציטווייליגע „שעקס", וואו עטליכע פאמיליען וואוינען צוזאמען.

פרעזידענט זיגמאן האט ווייטער ערקלערט, אז בלויז 100 סטרייקערס האבען פארלאזט דעם סטרייק וועלכער געהט שוין אן 7 מאנאטען. דריי טויזענט גארילאס העלפען איצט די פאליציי און די שטאדט־ארמיי אויפצופאסען אויף די מיינס און צו שלאגען די מיינערס. די קאמפאניס האבען אויך אימפארטירט מעקסיקאנער סקעבס און פריזאנערס צו ארבייטען אין די מיינס;

די אינטערנעשאנאל, — האט פרעזידענט זיגמאן אינפארמירט די דעלעגאטען, — האט באשלאסען צו זאמלען געלט פאר די מיינערס און זייערע פאמיליען און וועלכע זאל ביינעשמייערט ווערען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פאר איהרע אנגעשלאסענע לאקאלען. ער האט צוגעגעבען, אז $10,000 א מאנאט איז נויטיג בלויז צו שיצען די מענשען פון דער קעלט, שוין אפגערעדט פון די טעגליכע נויטווענדיגקייטען וואס יעדער פערזאן מוז האבען.

פרעזידענט זיגמאן האט פארלאנגט, אז די דעלעגאטען און אינדיווידועלע פערזאנען זאלען שטיצען די מיינערס מיט וויפיל עס איז זיי נאר מעגליך.

די דזשאינט באארד האט באשלאסען:

1) אז דער באארד און דירעקטארס זאל אויסארבייטען א פלאן, וואס זאל פארגעלעגט ווערען אויף א מיטינג פון אלע לאקאלע עקזעקוטיוו באארדס.

2) אז די דזשאינט באארד זאל אפעלירען צו איהרע מעמבערס, דורך די צייטונגען, צו שיקען קליידער, שיך, בלענקעטס א. ז. וו. פאר די סטרייקענדע מיינערס.

3) צו ארגאנזשירען א מיטינג פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע אנגעשלאסענע לאקאלען פאר דאנערשטאג, דעם 1טען דעצעמבער, מיט'ן צוועק צו דיסקוטירען די פראגע וועגען העלפען די מיינערס.

4) איינצולאדען אלע שאפ־טשערלייטע און אקטיווע מעמבערס צום מיטינג.

פרעזידענט זיגמאן האט דאן אדרעסירט די דעלעגאטען וועגען צוגרייטען זיך פאר דעם קומענדען סיזאן. ער האט ערקלערט, אז די אויסזיכטען פאר א גוטען סיזאן זיינען גוט און אז די דזשאינט באארד מוז איצט אנפאנגען אויסצואורבייטען איהרע פלענער און צוגרייטען די מאשינערי פאר דעם קומענדען סיזאן. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אז פיל קען געטאן ווערען מיט דער קאאפעראציע פון די אקטיווע מעמבערס און שאפ־טשערלייטע צו יוניאניזירען די נים־אָרגאניזירטע שעפער. די יוניאן וועט מוזען האלטען די דזשאבערס פאראנטווארטליך פאר פארלעצונגען פון דעם אגרימענט. פלענער מוזען דעריבער אויסגעארבייט ווערען צו באגעגענען די סיטואציע.

ברודער מאזער, סעקרעטאר פון דעם דזשאינט באארד, האט געמאכט אויפמערקזאם די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד, וואס זועט אפגעהאלטען ווערען אין נוארק, נ. דזש. ער האט פארגעשלאגען, אז א באגריסונגס־טעלעגראמע זאל זיי געשיקט ווערען.

דער פארשלאג איז גוטגעהייסען געווארען און דער סעקרעטאר איז אינסטרוירט געווארען צו שיקען אזא טעלעגראמע.

טאראנטא'ר קלאוקמאכער פול מיט לעבען און קאמפס־גייסט, זאגט באראף

(שלוס פון זייט 1)

נייזער פאלאקאו איז אויסגעצייכענט באקאנט מיט דער טאראנטער לאגע און ער וועט דעריבער קאנען באהילפיג זיין מיט ראטה און טהאט.

פרעזידענט זיגמאן וועט אויך, מעגליך, פאהרען קיין טאראנטא, אבער ערשט נאכדעם ווי סעקרעטאר באראף וועט אפגעבען זיין באריכט צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. דערווייל פארלאזען זיך די טאראנטאר קלאוקמאכער אויף קיינעם ניט און זעצען פאר זייער ארגאניזאציאנס־ארבייט זעלבסטשטענדיג און ערפאלגרייך.

ברודער באראף האט אויך געהאט א מיטינג מיט דעם עמבראידערי לאקאל. דער לאקאל דארף באנייען דעם אגרימענט דעם 31טען דעצעמבער, און אלע אויסזיכטען זיינען פאר א צופרידענשטעלענדען סעטלמענט.

דזשאינט עקזעקוטיוו מיטינג ארבייט אויס הילפס־פלענער פאר מיינערס

(שלוס פון זייט 1)

האט דעריבער רעקאמענדירט, אז די הילף זאל קומען אויף אן ארגאניזירטען אופן, ארגאניזירטע הילף וועט זיין אי שנעלער אי ווירקזאמער.

די דזשאינט באארד האט זיך גלייך אויף דעם אפיל אפגערופען און האט באשלאסען צו רופען א דזשאינט מיטינג פון אלע עקזעקוטיוו באארדס, טשערלייט און אקטיווע מעמבערס אויף דאנערשטאג, אין וועבסטער האל.

די באארד און דירעקטארס וועט ברענגען צו דעם מיטינג א באשטימטען פלאן ווי אזוי די הילף זאל געשיקט ווערען און וואס ניכער. דערווייל ארבייטען שוין הילפס־קאמיטעס און ברענגען אין דער דזשאינט באארד קליידער, שיך. דאס ווערט גלייך אפגעשיקט צו די מיינערס.

קאמוניסטישע פארלוימדערס דארפען געהן צו דער גרענד־דזשורי, זאגט דזשאדוש

(שלוס פון זייט 1)

גנבה. א נאמען איז טייערער פון געלט, און איהר האט געפרואווט באשמוצען און פארשווארצען זיין נאמען".

די פארלוימדערס, דורך זייערע לאיערס, האבען דאן אנגעפאנגען טענה'ן, אז פילע פון די אנגעקלאגטע זיינען ניט פאראנטווארטליך פאר דעם וואס זיי האבען געזאגט און האבען געבעטען אז די קייס זאל ניט איבערגעהן צו דער גרענד דזשורי. היימאן און די אנדערע קאמוניסטען האבען גע'טענה'ט מיט רחמים אין די אויגען, אז זיי האבען גארניט געמיינט וואס זיי האבען געזאגט. זיי זיינען איבערציינגט, האבען זיי געזאגט, אז פרעז. זיגמאן האט קיינמאל ניט גענומען קיין געלט פון דער יוניאן פאר זיין אייגענטום אין אייוואו און אז זיי האבען קיינמאל ניט געצווייפעלט אין פרעזידענט זיגמאן'ס פערזענליכע עהרליכקייט. נאר אלס געגנער האבען זיי איהם באדארפט „קריטיקירען".

די פאלגענדע פערזאנען וועלען ווארשיינליך פארגעבראכט ווערען פאר דער גרענד דזשורי: מלך עפשטיין, רעדאקטאר פון דער „פרייהייט"; פאול נאוויק, רעדאקטאר פון דער „איינינקייט".

צוזאמען מיט די פערזאנען וועלען אויך פארגעבראכט ווערען פאר דער גרענד דזשורי די „פרייהייט" פאבלישינג קאמפאני און די „איינינקייט" פאבלישינג קא.

גרעסטע לאקאל 41 שעפער רעגיסטרירען זיך אין דער אינטערנעשאנאל

(שלוס פון זייט 1)

אין דער ארבייט, און עס איז געלונגען אונטערצושרייבען א צופרידענשטעלענדען אגרימענט מיט די באלעבאטים, און די מיטגלידער האבען זיך גלייך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל.

די רעדזשיסטרירטע שעפער זיינען די גרעסטע אין טרייד, צווישען זיי אזעלכע שעפער, למשל, ווי די סטאר פליטינג קאמפאני, דער גרעסטער שאפ אין טרייד. דער שאפ איז 100 פראצענט מיט דער אינטערנעשאנאל. אויך האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל די ארבייטער פון פלאק בראדערס, בינג פאור, ה. נאוויק און ראטענבערג, די איי ענד די, ענטערפרייז, ניקערבאקער, עקסעלענט, ארטש־טאקינג, ליביטס פליטינג קאמפאני, ליריקס טאקינג, ב. גרינבערג, סאל. לעווין און אנד.

אין געוויסע שעפער זיינען פאראן א צוויי־דריי ארבייטער וואס זיינען קאמוניסטישע נאכפאלגערס און ווילען זיך ניט רעדזשיסטרירען. פארשטעהט זיך, פאדערט דער טשערמאן אז זיי מוזען באלאנגען צו איין און דערזעלבער יוניאן, און מען שיקט זיי ארויסנעמען א ביכעל אין דער אינטערנעשאנאל.

אט דאס זיינען די גוואלד־געשרייען פון'ם קאמוניסטישען בינטעל.

בילדונגס טעטיגקייט אין קליוולאנד

וויס־פרעזידענט טשארלס קריינדלער, מענעדזשער פון דער קליוולענדער דזש. באארד, שרייבט אונז אין זיינעם אן אינטערעסאנטען דערמוטיגענדען בריעף, אז די דזשאינט באארד אין קליוולאנד האט איינגעפיהרט אן עדיוקיישאנעל טעטיגקייט צווישען די מיטגלידער.

דער עדיוקיישאנעל פראגראם איז ווי פאלגט: „פסיכאלאגיע" פון דר. עלייעס, דין פון קליוולאנד קאלעדזש, יעדען מיטוואך, פון 7 ביז 9 אין אווענט; „פאבליק רעדעס", ביי מר. אשער, אן אנגעזעהענער אדוואקאט, מאנטאג, פון 8 ביז 9.30 אווענט. די לעקציעס וועלען געהאלטען ווערען אין אפיס פון דער דזש. באארד, 267 סופיריאר בילדינג.

וויס־פרעזידענט קריינדלער פארזיכערט אונז אז מיט דער הילף פון די אקטיווע מיטגלידער טוט ער וואס איז נאר מעגליך צו מאכען דעם עדיוקיישאנעל פראגראם פאר אן ערפאלג.

נייעס פון לאקאל 9

נ. קורצמאן, מענעדזשער לאקאל 9.

אונזער לעצטער דזשענעראל מעמבער מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, דעם 3טען נאוועמבער, האט אונז א איבעריגען מאל באוויזען, דאס אונזער ארבייט אין אפיס זייט דער רעארגאניזאציע איז נישט געווען בחינם. הגם אין גאס האט גערעגנט און געשטורעמט, איז דער גרויסער בעטהאווען האל געווען איבערפילט פון אונזערע מעמבערס, וועלכע האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר'ן שלעכטען וועטער און געקומען מאסענהאפט צום מיטינג.

דיזער פאקט באווייזט אויך, אז אין א לאקאל אין וועלכען עס זיינען ניט פאראנען קיין גרופען מיט א קליינליכער פאליטיק, ערמעגליכט, אז די מיטינגען און די טעטיגקייט פון דער יוניאן זאל זיין אן אמת'ער ערפאלג. ביים דזשענעראל מעמבער מיטינג זיינען געמאכט געווארען די נאמיניישאנס פאר באאמטע אויפ'ן קומענדיגען טערמין. אהן טומעל און אהן געפילדער זיינען נאמינירט געווארען א גרויסע צאהל ברידער פאר די פארשידענע יוניאן אמטען. עס איז אויך געוועהלט געווארען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע. עס זיינען אויך געהאלטען געווארען אינטערעסאנטע און באלעהרענדע רעדעס וועגען פארשידענע יוניאן פראגען פון וויס־פרעזידענט האלפערין, מענעדזשער קורצמאן און ברודער סארקין. נאך א רוף צו נאך גרעסערער אקטיוויטעט און יוניאן טעטיגקייט איז דיזער זעהר גוט באזוכטער מיטינג געשלאסען געווארען מיט דעם געפיהל, אז דורך רוהיגער און פלאנמעסיגער ארבייט וועט אונז זיכער געלינגען אונזער לאקאל צו ברענגען צו דער אלטער שטאלצער מדרגה.

דער לעצטער ווינטער סעזאן איז פאר די פינישערס נישט געווען קיין שלעכטער, און ווען נישט דער כאאס, וואס די קאמוניסטען האבען פאראורזאכט אין דעם טרייד נאך זייער פארלארענעם דזשענעראל סטרייק און זייערע סקעבמעטאדען נאכ'ן סטרייק, שטערענדיג אונזער ארגאניזאציאנס ארבייט, ארבייטענדיג שטיק ארבייט און אומגעזעצליכע שטונדען, כדי צו שטערען די נוצליכע טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאנאל פאר דער פארבעסערונג פון אונזער לאגע, וואלטען מיר באשטימט געווען בכח אין לעצטען סיזאן אונזער לאגע ווייניגסטענס ביי די פינישערס ווי נישט איז צו פארבעסערען.

לאמיר האפען, דאס נאך די עלעקשאנס, זועלען מיר מיט דער ניי־ערוועהלטער אדמיניסטראציע, וועלכע וועט מסתמא באשטעהן פון די פעהיגסטע און ערפארענסטע מעמבערס פון אונזער לאקאל, קאנען ערצילען, דאס וואס עס איז אונז אין צייט פון כאאס געווען אוממעגליך צו דערגרייכען.

דער טרייד מוז אונטער אלע אומשטענדען קומענדען סיזאן ארגאניזירט ווערען און מיר זיינען זיכער, אז עס וועט איצט אונז מעגליך זיין אפצושטעלען דעם רעשט דעמאראליזאציע, וואס די קאמוניסטען האבען אריינגעבראכט אין דער יוניאן און אין די שעפער. די לאנגע שטונדען, די פארשידענע נישט יוניאן סיסטעמען און שטיק ארבייט מוזען געסטאפט ווערען אין די יוניאן שעפער, ווייל זיי גראבען אונטער דעם יסוד אין די יוניאן שעפער און מאכען אוממעגליך פאר די יוניאן לייט צו מאכען א לעבען. דאס וועט זיכער געשעהן ווען מיר אלע וועלען זיך נעמען צו א פלייסיגער ארבייט און סאלידארער טעטיגקייט, אויסמיידענדיג די קליינליכע פאליטיק וואס הערשט ליידער אין איצטיגען מאמענט אין מאנכע יוניאן שעפער.

ערעפענונג פון ארבייטער אוניווערזיטעט, מארגען, שבת, דעם 3טען דעצעמבער

אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, רום 530.

די ארבייטער בילדונגס אוניווערזיטעט וועט זיך עפענען מארגען, שבת, 3טען דעצעמבער, 1.30 נאכמיטאג אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול, 16טע סטריט און אירווינג פלייס, רום 530.

דער ערשטער לעקטשור וועט געהאלטען ווערען פון א. ז. מאסטי, דער הויפט פון ברוקוואוד קאלעדזש. די טעמע איז: „דער ארבייטער און די מאדערנע ציוויליזאציע".

מר. מאסטי'ס לעקציעס וועלען פארגעזעצט ווערען יעדען שבת אין זעלבען פלאץ און אין דערזעלבער צייט.

שבת, דעם 4טען דעצעמבער, 11 אוהר פרי, וועט דר. נ. ב. פאגין, פון דער באלטימארער אוניווערזיטעט אנהויבען א קורס לעקציעס וועגען דער ציטווייליגער אמעריקאנער ליטעראטור.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 48. — Friday, December 2, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1920.

יוניאן ארבייט — און לינקער בלאף

פון מ. ביאליס
מענעדזשער דזשאינט באארד

ווען מען נעמט סטאק פון דעם וואס די עטלאכע איבערגעבליבענע לינקע, איבערהויפט זייערע פיהרער, טוען, קומט מען גיך צום שלוס, אז זיי האבען איינמאל פארלארען יעדען ברעקעל מענשליכען פארשטאנד, און אז וואס אמבאלאנגט ערנסטליכקייט און אנשטענדיגקייט, איז ביי זיי אפילו קיין סמן ניט פארבליבען.

הערט, למשל, אן איינפאל פון משוגעים. מיר האבען דא א שאפ מיט דעם נאמען „גאלדשטיין און איצקאוויץ". דער שאפ איז ביז מיט א צוויי וואכען צוריק געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם וועלט סטרים הקדש. ענדליך האבען זיך די ארבייטער פון יענעם שאפ אויסגעניכטערט פון די לינקע שכרות און זיינען געקומען אין אפיס פון דער יוניאן און גוטגעמאכט זייערע יוניאן ביכלאך. ביי א שאפ מיטינג, ביי וועלכען די ארבייטער האבען ערקלערט זייער טרייהייט צו דער יוניאן, איז אויסגעפונען געווארען, אז א סך יוניאן קאנדישאנס זיינען אין שאפ פארנאכלעסיגט געווארען אין דער צייט וואס די לינקע פיהרער האבען דארטען געהערשט. די ארבייטער האבען אויך קאמפליינט, אז זיי האבען ניט געקראגען באצאהלט פאר דעם 4טען דזשולייי און דעקארייש[אן] דעי. זיי האבען געמאכט עטליכע קאמפליינטס צו לעווינ'ען. יענער איז אבער געווען צו שטארק פארנומען מיט פארטיי פאליטיק, און דער קאמפליינט איז פארנאכלעסיגט געווארען. דארום פארלאנגען זיי יעצט אז די יוניאן זאל אויפמאנען די געלט וואס קומט זיי.

דער קאמפליינט פון די ארבייטער איז אויף מארגען אויפגענומען געווארען מיט'ן בעל הבית, וועלכער האט געטריים זיך צו פארענטפערען אז ער דארף ניט באצאהלען, ווייל צו יענער צייט, ווען די יום-טובים זיינען אויסגעפאלען, זיינען זיינע ארבייטער געווען מעמבערס אין א לינקער יוניאן. דארום דארפען רעכטע ביזנעס איידזשענטס זיך ניט דרייען קיין קאפ מיט קאלעקטען געלט פאר זיי, ספעציעל ווען אזא לאנגע צייט איז שוין אוועקגעלאפען.

די אויבען-דערמאנטע און עהנליכע ארגומענטען האבען נארניט געהאלפען. דער רעזולטאט איז אז צו דער צווייטער פעי האבען אלע ארבייטער געקראגען אויסגעצאהלט די געלט וואס עס האט זיי געקומט! די שטעלונג פון דער יוניאן אין קאלעקטען די געלדער פאר די ארבייטער האט נעטראפען די לינקע פארלוימדער ווי א באמבע; זיי זיינען פשוט צומישט געווארען און אין זייער צומישטען קאפ איז געבוירען געווארען א נארישער, אומגעלומפערטער פלאן, א פלאן וואס ווייזט באשיינפערלאך ווי צודרייט זייערע געדאנקען זיינען, ווי נידעריג זיי זיינען געזונקען אין שמוציגע ליגנערײ. האט איהר אויף אייער לעבען געהערט, אז מענשען זאלען אויסטראכטען אזא ליגען, אז די יוניאן האט געגעבען גאלדשטיין און איצקאוויץ געלט, אז זיי זאלען אויסצאהלען די ארבייטער פאר די יום-טובים, וואס די לינקע האבען פארנאכלעסיגט אויפצומאנען? דיזער ליגען איז ניט נאר געזאגט געווארען פון די לינקע אין סטרים, נאר זיי האבען זיך ניט געשעמט אויסצוטיילען א ליפלעט וועגען דעם.

איך באצוועק ניט צו געבען די כאוויירים אן ענטפער: עס איז ניטא וועמען. פאר די היגע מעמבערס דארפען מיר זיך אודאי ניט פארענטפערען, ווייל אונזערע היגע מעמבערס האבען שוין לאנג איינגעזעהען, אז די כאוויירים האבען פארלארען די מינדסטע האפנונג אויף נאך אמאל איבערנעמען די יוניאן, ווייל די מעמבערס האבען זיך פון זיי אפגעקערט מיט פאראכטונג. דארום איז פאר די כאוויירים געבליבען נאר איין מיטעל: דורך משוגענע, צושטערענדע פלענער און דורך געמיינע ליגענס טרייען צו צוברעכען די יוניאן, ווייל ביי זיי איז דאך דא א כלל, אז אויב ניט זיין די פיהרער פון דער ארגאניזאציע מוז מען די ארגאניזאציע צוברעכען!

וואס אמבאלאנגט די ארבייטער פון גאלדשטיין און איצקאוויץ, זיי לאכען פשוט אין די הויפענס פון דעם אויסגעטראכטען ליגען. זיי האבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט וואס זיי האבען זיך ענדליך אפגעטריסעלט פון יענער באנדע, און דער אויבען-דערמאנטער בלאף האט זיי ערשט איבערצייגט, אז זיי זיינען פריהער נעגאנגען אויף דעם פאלשען וועג. זיי האבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט וואס די יוניאן האט פאר זיי אויפגעמאנט די פאר דאלאר, וועלכע זיינען זיי יעצט אין סלעק-סייזן זעהר צונוץ געקומען.

א שיקאגא'ער פיידזש

א פארבלאנדזשעטער לינקער בריף

א לינקער פון שיקאגא שרייבט צו די ניו יארקער חברים

פון אן אייגענעם

טייערע חברים: —

דיזער בריף איז „קאנפידענשעל". ער מוז געהאלטען ווערען א סוד, א סיקרעט, קיינער טאר דערפון ניט וויסען. דאס וואס איך נעה אייך שרייבען איז ניט קיין פריילאכע נייעס, און עס וועט אייך קיין פארגעניגען פארשאפען, און דערצו האט איהר נאך אייערע אייגענע צרות. אבער די לאגע איז אזא אז מיר מוזען אייך לאזען וויסען ווי עס האלט מיט אונז אין שיקאגא.

ווי איהר ווייסט דאך אוראי, האבען מיר אין א שלימזל'דיגער שעה פארלאזען די יוניאן און האבען געעפענט (דער טייוועל ווייס צו וואס) א בודקע פאר זיך אליין. נו, נעהם אונז ווי א רשע אויף יענער וועלט. מיר האבען ערווארטעט אז די הארעפאשניקעס וועלען זיך אריינווארפען אין קאמף נעגען די קאנטר רעוואלוציאנערען. מיר האבען ערווארטעט, אז זיי זאלען זיין די ערשטע אונטערצושטעלען די פלייצעס אין קאמף און איבערהויפט אויסצוהאלטען מיט אמוניציע, דאס הייסט מיט געלט פאר אונזערע אייגענע באיעס, אבער מיר זיינען אנטוישט.

שוין גלייך פון דער ערשטער וואך האבען מיר געהאט געברענטע צרות. האבען מיר געזוכט א פלעצעל וואו צו לייגען אונזערע ביינער, האט מען ניט געקענט געפינען. און ווען קוים מיט צרות שוין יע געפונען א מקום מנוחה און שוין געסיינט א ליס און אלעס איז פערטיג געווען זיך אריבערצופעקלען, שוין אפילו געלאזט וויסען די מאסען וואו מיר געפינען זיך, — אהא, פלוצלונג מאכט מען אונז צו מופען.

סטייטש, גזלנים, מיר האבען דאך געסיינט א ליעס, געגעבען א דעפאזיט. אבער עס האט ניט געהאלפען. דער לענדלארד האט אויסגעפונען ווער מיר זיינען און ער האט נאר פשוט געהייסען מופען א בלאק ווייטער. מופט, זאגט ער; קיין מרגלים ראדף ער ניט (הפנים די רעכטע האבען איהם אריינגעגעבען שוכל). ס'א טייוועלשע מאכט זיי האבען. דאכט זיך מיר האבען זיך אויסגעהיט פון זיי זאלען ניט וויסען וואו מיר געהען מופען, און ווי פון אונטער דער ערד האבען זיי אויסגעפונען. אלזא, מיר האבען פארקירעוועט די פלייצעס און געגאנגען ווייטער, געלאפען אהער, געלאפען אהין, קיינער וויל אונז ניט אריינלאזען, כאטש נעם און שטעל אוועק א טענט אין פארעסט פריזוירוו.

ענדליך האט א חבר געפונען עפעס א ליידיגע רומקע אין די „בעק", ביי די עלעי, און קוים מיט צרות און געבעט האט מען אונז אריינגעלאזען. דענקט איהר, חברים, אז מיר זיינען שוין פארטיג? א נעכטיגער טאג. ערשט דאן פאנגען זיך אן אונזערע טראבעלס. עס האט זיך אנגעהויבען א סדרה מיט פארניטשור. מ'האט דאך געדארפט האבען עפעס וואס צוועקצושטעלען און אויף וואס צו זיצען. אלזא, מיר האבען געמאכט א געוואלדיגען אפיל צו דאס פאלק פאר ביישטייערונגען פאר פארניטשור. די ביזנעס איידזשענטס זיינען אומגעגאנגען אין די שעפער, אויפפאדערענדיג אונזערע נאכפאלגער צו קלייבען געלט דורך קאלעקשאנס [אדער] דורך אנדערע וועגען. מיר האבען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג. דער קלאוק דיסטריקט איז פארפלייצט געווארען מיט צירקולארען, אפעלירענדיג צו די מאסען יעדער זאל קויפען עפעס פאר'ן צוועק — א ביינקעל, א טישעל, טשעקערס, א בעזים, אבי וואס.

אוך, טייערע חברים, ווייסט איהר וואס איז געווען דער רעזולטאט? — 3 חברים האבען געבראכט שפייקעסטלאך; 2 חברות האבען געבראכט בעזעמער, איינער א געניצטער, און 2 פרעסערס האבען געבראכט אלטע לאפענס פאר הענטיכער, און וואס נאך... א, יעס, ביי איין חבר איז געשטארבען די שוויגער, איז איבערגעבליבען איהר טשער, האט ער דאס געבראכט צו אונז. נו, א דאנק די שוויגער, ווען ניט זי, וואלטען מיר געמוזט ליגען אויפ'ן פארלאגע, ווי סנאפעס. נו-קענט איהר זיך שוין פארשטעלען, חברים, ווי אונזער בודקע קוקט אויס. א פנים פון חוזק. אונזערע חברים, צווישען זיך גערעדט, זיינען גרויסע טרמעל מאכער, בראווע פאטשערס, אבער ווען עס קומט צו קאנקרעטעס, איז קיינער ניטא אין דערהיים. מען טאר דאס איך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט דאס גאנץ גוט אליין. איהר, אין ניו יארק, ווען איהר זייט אוועק פון דער יוניאן, האט איהר כאטש געהאט די געלעגענהייט צוצולאכען די פארניטשור פון אפיס. מיר אבער אין שיקאגא האבען אזא גליק ניט געהאט, אונז האט מען געוואטשט, ווי מען וואטשט גנבים. מיר זיינען נאך גוט אפגעקומען וואס מען האט אונז ניט אנגעבראכען די ביינער, און ווערליג מאנכע פון אונזערע חברה האבען זיך אויפגעפירט, האב איך זייכער געדענקט, אז זיי וועלען קריגען געבוכטשעט. נאר מיר זיינען אפגעקומען מיט שרעק. אלזא, ווי אויבען געזאגט, האבען מיר מיט מאטערניש געעפענט א קיצעט.

און דא, טייערע חברים, ליגט דער הונט באגראבען. ערווארטעט האבען מיר, אז די גרויסע מאסע קלאוק און דרעסמאכער וועלען קומען צו אונז. געלט וועט שטראמען פון אלע זייטען. דער עולם וועט צאהלען דיוס. עס וועט שטורמען מיט לעבען, און ביי דהי ווער, וועט זיין טאקע געלט פאר „פעי-דעי". אבער, צום גרויס באדויערען, האט זיך אויסגעלאזט פארקערט. דאס עפענען א ביזנעס פאר זיך אליין האט אוועקגעשטופט פון אונז די ערנסטערע מעמבערס, זאגאר אונזערע סימפאטייזערס האבען זיך אפגעקערט פון אונז מיט פאראכטונג. אויב מיר האבען ווען עס איז געקענט האבען אן איינפלוס, האבען מיר יעצט, מיט עפענען א באזונדער קלייזעל פאר זיך אליין, דאס פארלארען. די מעמבערס, ניט נאר זיי ברענגען ניט קיין געלט, נאר אפילו די יעניגע, וועלכע מיר האבען געקענט פארנארען און ארויסקריגען ביי זיי א פאר דאלאר, קומען צולויפען מיט געשרייען און פאדערען די געלט צוריק. מען האט זיי אפגענארט, שרייען זיי. מען האט זיי געזאגט, אז די געלט נעהם פאר דיוס, און צום סוף, ווען זיי זיינען נעגאנגען אין יוניאן אפיס, אין 328 ווען ביורען סטרים, האבען זיי געדארפט באצאהלען איבערנאנייס. זיי האבען אויסגעפונען, אז מיר האבען זיי ניט געגעבען קיין אינטערנעשאנאל סטעמפס. איהר קענט זיך פארשטעלען, טייערע חברים, וואס עס האט פאסירט. מיר האבען געמוזט אפגעבען זיי די געלט צוריק. אט יעצט, ווען איך שרייב דיזען בריעף, איז א געפערליכער טומעל אין אפיס. א איטאליענישע פינישערין איז געקומען מיט איהר מאן און וויל די פאר דאלאר צוריק. זי שרייט אז מ'האט איהר אפגענארט. „מי גיוו מאנע יוניאן נא פייקערס!" שרייט זי. זי האט געגעבען די געלט צו אונזערען א יאט פאר דיוס צו באצאהלען, און ער האט דאס געבראכט אהער. נו, האט זי דאס אויסגעפונען און זי איז געפערליך אויפגערעגט. איהר מאן, דער איטאליענער, קוקט עפעס קרום. איך האב מורא, עס זאל עפעס ניט פאסירען, און מען וועט איהר מוזען אפשטעקען די געלט. און אזוי מיט פילע אנדערע. און יעצט זיינען מיר געבליבען אהן א סענט געלט און פיירע מוזען מיר נעמען אלע וואך, א ניט איז אלעס אויס. אונזערע חברים ווילען ניט ווארטען. מיר האבען שוין געליען ביי יעדען איינעם וואס האט נאר א פאר דאלאר. מיר האבען שוין געמאכט קאלעקשאנס אין די הייזער, אבער קיין גרויסען סוקסעס האבען מיר ניט געמאכט. דער עולם וויל אונז ניט געבען. און נאך אלעמען, וויפיל איז דער שיער צו שנארען. עס ווערט שוין פשוט דערעסען אלע טאג צו בעטלען. די סיטואציע איז האפנונגסלאז, אהנע אויסזיכטען צו פארבעסערען זיך. און וואלט כאטש דער קאמף נעפירט געווען מיט טאקט און אויסרעכענונג, וואלט כאטש דער פארדרוס ניט געווען אזוי גרויס, צום וויינינסטען וואלטען מיר געוואוסט אז מיר האבען זיי געגעבען א פיים, און מיר האבען פארלארען ווי העלדען. אבער צו אונזער שאנדע און באדויערען איז דער קאמף גלייך פון אנפאנג געפירט געווארען טאקטלאז און נאריש. מיר האבען ניט קיין פיהרערס, וועלכע זאלען זיין פעהיג צו פיהרען. קענט איהר זיך פארשטעלען אזא אידיאטסטווע פון אונזערע גרויסע נענעראלען: צו רופען סטרייקס אין שעפער, וועלכע מען האט אפריהער געוואוסט, אז זיי וועלען זיך ניט צוהערען צו אונז. פון די זעקס הונדערט ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין די שעפער, וואו מען האט גערופען סטרייקס, איז ארונטער איין פינישער. יעצט לאכט מען פון אונז אין די הויפענס. אט דאס האבען אונזערע חכמים נעטאן. זיי, די רעכטע חברה, זיינען קליגער פון אונז. זיי רופען ניט קיין סטרייקס, זיי דערגרייכען זייער ציל אהן געפילדער, אין א סיסטעמאטישען וועג, און אונזערע מענשען האבען פארלארען די קעפ. זיי ווייסען פשוט ניט אויף וועלכער וועלט זיי געהען אום, אמת'ע משוגעים. איך האב מורא אז די ענדע וועט זיין זעהר א טרויעריגע און א מיאוסע, און ניט גענוג וואס מיר האבען געברענטע צרות פון די רעכטע, האבען מיר נאך צרות פון אונזערע אייגענע חברה; מ'רייסט זיך ארום ווי די קעץ, איינער ווארפט די שולד אויפ'ן צווייטען; דער זאגט, אז דו ביסט שולדיג, און דער זאגט אז דו ביסט שולדיג, דער אמת איז, אז מיר זיינען אלע שולדיג.

טייערע חברים! אויב איהר קענט אויסשנארען ערגעץ עטליכע דאלאר און שיקען אונז פאר א טיקעט, וואלט איהר פארדינט א מצוה. מיר זיינען אריינגעקראכען אין א זומפ און זינקען, און מיר קענען זיך ניט ארויסקריכען. חברים! העלפט! שלעפט אונז ארויס!

טויטע וועלכע ווילען ניט פארגעסען ווערען.

ווערטער רעדאקטאר: —

דאס שטיקעלע „ליטעראטור", וועלכעס איז ערשינען לעצטע וואך אין די ארבייטער נייעס פון „טאג" האט ווי עס זעהט אויס פאראורזאכט א גערעכטע אויפרעגונג צווישען די קלאוק און דרעסמאכער אין שיקאגא, און וואהרשיינליך וועט איהר ערהאלטען אביסעל בריף וועגען דעם ענין, איך גלויב אבער ניט, אז עס לוינט זיך וועגען דעם פיל צו פאלעמיזירען.

א פראקטישער פארשלאג איז, אבער דענק איך דאך אם פלאץ. איך שלאג פאר, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד זאל זאפארט ערוועהלען א קאמיטע וועלכע זאל אויסארבייטען א פלאן וועגען צאהלען א יעהרליכע פענסיע צו אלע געוועזענע פרעזידענטען און וויס-פרעזידענטען פון די אינטערנעשאנאל. עס איז אן אבסאלוטע אונגערעכטיגקייט אז א מענש וועלכער האט 17 יאהר פון זיין לעבען אוועקגעגעבען פאר דער ארגאניזאציע און האט עפעס צוליב א „פארפיהרונג" געמוזט אוועקגעהן, זאל עפעס אזוי שנעל פון אלעמען פארגעסען ווערען, און זאל געצוואונגען ווערען „אזוי שווער צו ארביטען" אום א לעבען צו מאכען. איך האלט אז אזא מענש איז אבסאלוט בארעכטיגט צו א יעהרליכען געהאלט פאר דעם גאנצען לעבען וועלכעס זאל זיין אזא מין דאנקבארקייטס אויסדרוק פון די ארגאניזאציע צו דעם געוועזענעם בעאמטען פאר זיין געלייסטעטע ארבייט.

פון דער אנדערער זייט וואלטען די געוועזענע דזשענעראל בעאמטע קיינע אורזאכע געהאט און אויך קיין רעכט זיך מעהר צו מישען אין די אנגעלעגענהייטען פון דער יוניאן. פענסיאנירטע גענעראלען ווערען באנוצט פאר א דעקאראציע ביי יום-טוב'דיגע פאראדען און אויב זיי זיינען ליטעראריש בעגאבט קענען זיי זייערע מעמוארען פון די פערגאנגענע שלאכטען שרייבען, זיי קענען אבער זיך ניט מעהר אין דעם קאמף אקטיוו באטייליגען. אזא יעהרליכעס געהאלט וואלט די ארגאניזאציע זעהר פיל צרות פארשפארט, צרות פון טויטע וועלכע ווילען ניט פארגעסען ווערען, אויך היימאן און די אנדערע „כאוויירים" דארפען בערעכטיגט זיין צו דיזער פענסיע, ווייל עס דארף ניט געמאכט ווערען קיין אונטערשייד ווי לאנג איינער איז אין אמט און וואס ער האט אין זיין אמט געטאן... אויב ער איז א „געוועזענער" איז ער בערעכטיגט צו א פענסיע. דאן דארף עס אויך געמאכט ווערען צו א טראדיציע, אז צו א שמחה אין די יוניאן ווי צ. ב. ביי א יובילעאום פייערונג אדער ביי א פייערונג פון א זיגרייך פארענדיגטען קאמף דארפען די געוועזענע גענעראלען געזעצט ווערען אויבען אן און מען דארף זיי אפגעבען א בעזונדערען כבוד. עס וואלט אויך ניט געשאדט ווען די יוניאן וואלט געבען גאלדענע און זילבערנע מעדאלען צו די פענסיאנירטע גענעראלען אז זיי זאלען זיך ניט דארפען מאטערען און ביי יעדער געלעגענהייט דערצעהלען וויפיל יאהר זיי האבען געדינט און וויפיל שלאכטען זיי האבען געשלאגען. (די פארלוירענע שלאכטען ניט צו דערמאנען, ווייל זיי זיינען אלעמאל א רעזולטאט פון די אומשטענדען), די מעדאלען וואלטען שוין אלעס דערצעהלט. מיט איין ווארט, מיר דארפען ביי אונז איינפיהרען אן ארדנונג וואו מיר זאלען זיך ניט דארפען פארשעמען נעגען די קייזער און קעניגליכע ארמייען. אמת טאקע, די איינפיהרונג פון די אויבענדערמאנטע רעפארם וואלט געבראכט צו א באדייטענדע פארגרעסערונג פון די קאנדידאטען ליסטע, נאר אמוועניגסטען וואלט די ארגאניזאציע גרינדליך פטור געווארען פון די „געוועזענע" וועלכע שטופען זיך ביי יעדע געלעגענהייט אין פראנט אום צו קאלעקטען אלטע שולדען.

מיט קאלעגיאלען גרוס,
א „געוועזענער".

פילאדעלפיער אפטיילונג

א פיידזש וועגען לעבען און טעטיגקייט פון אונזערע פילאדעלפיער לאק. 40 און 50 קלאוק און סקוירט, וועיסט און דרעס טרייד

קלאגען פון אונזערע מעמבערס אין די שעפער פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן וועלען שנעל ערליידיגט ווערן

פון מאריס פאלין.

דער אגרימענט, וואס אונזער יוניאן האט מיט דער וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, אנטהאלט א פונקט וועגען דיסקרימיניישאנס. לויט דעם פונקט טאר קיין ארבייטער ניט פארפאלגט ווערען דערפאר וואס ער איז א מיטגליד, אדער אקטיוו אין דער יוניאן, אז אייניגע מאנופעקטשורערס זאלען ניט אויספאלגען א קלארע פארשטענדיגונג איז געוועזען צו ערווארטען. דער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געווארען אין פעברואר און אייניגע מאנאטען שפעטער האט די פירמע וועסעל און ליוויי, וואס באלאנגט צו דער אסס'ן, אנטזאגט אן ארבייטערין דערפאר וואס זי איז געוועזען קראנק צוויי וואכען און ניט געקענט ארבייטען. ווען דאס האט פאסירט, האבען אנדערע צוויי ארבייטערינס, מיטגלידער פון דער יוניאן, געפרעגט דער פארליידי פון שאפ, ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז אן ארבייטערין זאל ווערען ארויסגעווארפען פון שאפ דערפאר וואס זי איז געוועזען קראנק און א קאמפליינט איז אויך געמאכט געווארען אין יוניאן אפיס, און די קייס איז אויפגענומען געווארען פון דעם פארשטעהער פון דער יוניאן, ברודער רייזבערג, מיט דעם פארשטעהער פון דער אסס'ן, מר. שלאיען, און די ענטזאגטע ארבייטערין איז צוריקגענומען געווארען צו דער ארבייט. אייניגע טעג שפעטער זיינען דיסטשארדזשט געווארען די צוויי ארבייטערינס, וועלכע האבען ארויסגעוויזען זייער סאלידארישען געפיהל צו דער קראנקער. וועגען דער פראגע האט שוין דער פארשטעהער פון דער אסס'ן געהאנדעלט גאנץ אנדערש. ער האט צוגעשטימט אז די פירמע וועסעל און ליוויי האט ניט געדארפט ענטזאגען די ארבייטערינס, אבער ער האט ניט באוויזען צו ווירקען אז די מעמבערס פון דער אסס'ן זאלען נאכקומען דעם אגרימענט און די ארבייטער רעאינסטייטען.

לויט דעם אגרימענט האט די יוניאן די קייס געדארפט אפעלירען צום אומפארטייאישען טשערמאן, דזשאדזש סטוירן, האט זיך גראדע געמאכט, אז דזשאדזש סטוירן איז געוועזען אויף א רייזע אין איירופא און די קייס האט זיך פארשלעפט אין דער לאנגער באנק.

דערווייל האט פאסירט א צווייטע דיסטשארדזש קייס, אין דעם שאפ פון סניידער און ווייטלין, אויך מעמבערס פון דער אסס'ן, און אויך אין דעם פאל האבען די פיהרער פון דער אסס'ן ניט באוויזען צו האנדלען. אלס רעזולטאט פון דעם צושטאנד האט די יוניאן געשיקט דעם פאלגענדען בריף צום אומפארטייאישען טשערמאן:

„האנ. דזשאדזש האראס סטוירן,
רום 260, סיטי האל,
פילאדעלפיא, פא.

טייערער דזשאדזש סטוירן:

אין די אינטערעסען פון לאקאל 50 וועיסט און דרעסמייקערס יוניאן פון דער אינט. ליידיס גארמענט ווארקערס, ווענדען מיר זיך צו אייך, אלס דעם אומפארטייאישען טשערמאן אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע, מיט אייניגע קאמפליינטס נעגען די מאנופעקטשורערס וועלכע באלאנגען צו דער וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן.

אין דער צייט פון אייער אבוועזענהייט פון פילאדעלפיא, האבען זיך אנגעקליבען א צאהל קאמפליינטס, מיט וועלכע מיר האבען ניט געקענט קומען צו קיין געהעריגע פארגלייכונג אין די אינטערעסען פון די ארבייטער, מיטגלידער פון אונזער יוניאן, און אנדערע. צווישען די קלאגען זיינען דא דיסטשארדזש קייסעס. אונזערע מעמבערס זיינען אנטזאגט געווארען פון דער ארבייט פאר באלאנגען אדער זיין אקטיוו אין דער יוניאן, און אויך א רייע פעלע, וואו עס איז געארבייט געווארען מעהר ווי 44 שטונדען די וואך און ניט געצאהלט געווארען קיין עקסטרא פאר „אווער־טיים".

„מיר ליגען דא ביי א ליסט פון די באזונדערע קייסעס און בעטען אייך באשטימען א צייט ווען מיר זאלען זיך צוזאמענקומען אום צו קענען די פראגען ערליידיגען.

„ערווארטענדיג, אז איהר וועט דער אנגעלעגענהייט געבען אייער באלדיגע אויפמערקזאמקייט, בלייבען מיר,

וועיסט און דרעסמייקערס יוניאן
לאקאל 50 א. ל. ג. וו. י.
איידא ראזענפעלד,
סעקרעטערין און קאמפליינט קלוירק.

פון דער צייט וואס די יוניאן האט געשיקט דעם בריעף איז שוין אוועק א מאנאט צייט, און די פראגע איז אלץ ניט אויפגענומען געווארען, ביז ענדלאך האבען מיר ערהאלטען די נייעס פון דעם לאיער פון דער יוניאן, אז ער, צוזאמען מיט דעם לאיער פון דער אססס'ן האבען געהאט א קאנפערענץ מיט דזשאדזש סטוירן, און זיי זיינען געקומען צו דער פאלגענדער פארשטענדיגונג וועגען שליכטען צווויסטיגקייטען צווישען די ארבייטער און זייערע אונטערנעמער, און אויך וועגען א פארהער אין די ביז איצטיגע קייסעס.

1) אין פאל ווען אן ארבייטער ווערט געקריוודעט, זאל וועגען דעם געמאכט ווערען א שריפטליכער קאמפליינט צום מאנופעקטשורער.

עס פארשטעהט זיך, אז די ארבייטער, וואס האבען א קאמפליינט, דארפען קומען אין אפיס פון דער יוניאן, און מען וועט אויסהערען זייער קאמפליינט און שוין באזארגען אלע נויטיגע פארמאליטעטען.

2) דער מאנופעקטשורער דארף האנדלען וועגען דעם קאמפליינט ניט שפעטער ווי אין דריי טעג צייט.

3) אויב דער באלעבאס האנדעלט ניט אין דריי טעג צייט, אדער זיין האנדלונג איז נעגען דעם וואונש פון די ארבייטער, זאל די פראגע אויפגענומען ווערען פון די פארטרעטער פון דער יוניאן און די אסס'ן.

4) אויב די פארטרעטער פון דער יוניאן און דער אסס'ן קענען זיך ניט אייניגען איבער דער פראגע, אין פארלויף פון 5 טעג צייט, זאל דער פארטרעטער פון דער יוניאן לאזען וויסען שריפטליך צו דעם אומפארטייאישען טשערמאן, דזשאדזש סטוירן, וועלכער זאל באשטימען א היערינג און וועגען דעם לאזען וויסען די פארטרעטער פון דער יוניאן און דער אסס'ן. און ביידע פארטרעטער וועלען דארפען זיין גרייט מיט דער קייס פאר דער באשטימטער צייט. דער אומפארטייאישער טשערמאן האט דאס רעכט צו באשטימען אין יעדער קייס באזונדער צי ער וויל האבען די פארשטעהער און לאיערס פון דער יוניאן און אסס'ן אנוועזענד ביי דער היערינג.

5) דזשאדזש סטוירן וועט זיין ענטשיידונג לאזען וויסען צו די לאיערס פון דער יוניאן און אסס'ן.

וועגען די צוויי ספעציעלע קייסעס נעגען די פירמעס סניידער און ווייטלין און וועסעל און ליוויי, זאל די היערינג געהאלטען ווערען פרייטאג, דעם 25טען נאוועמבער 3 נ. מ., אין דזשאדזש סטוירנ'ס טשעמבערס, רום 260 סיטי האל. און ביידע צדדים דארפען האבען אלע פערזאנען וועלכע קאנען די פראגע באלויכטען.

וואס אמבאלאנגט די פראגע וועגען דער 44־שטונדען ארבייטס־וואך, וואס די יוניאן באהויפטעט, אז א געוויסע צאל שעפער פיהרען דעם פונקט ניט דורך, איז פארשטאנען געווארען אז וועגען דעם דארף די אסאסיאיישאן האנדלען. און אויב דאס וועט ניט ווערען דורכגעפיהרט אין א קורצער צייט, וועט דזשאדזש סטוירן אויפנעמען די פראגע און ארויסגעבען זיין ענטשיידונג.

לויט די אויבענאויסגערעכענטע פינף פונקטען וועט פיליייכט זיין מעגליך אז קאמפליינטס זאלען ניט פארשלעפט ווערען, נאר באלד ערלעדיגט ווערען. עס פארשטעהט זיך אז עס וועט זיין ווינשענסווערטה אז די ארבייטער און די אסס'ן שעפער זאלען וועגען יעדען קאמפליינט לאזען וויסען אין אפיס פון דער יוניאן.

פרייטאג איז די יוניאן געווען גרייט צו דער היערינג איבער די צוויי דיסטשארדזש קייסעס, אבער, איבער עפעס אן אורזאכע, וועלכע איז אונז ניט באוואוסט... איז די היערינג אפגעלייגט געווארען אויף מאנטאג. די צוויי דיסטשארדזשטע ארבייטערינס פון וועסעל און ליוויי, וועלכע ארבייטען איצט אין אן אנדער אסס'ן שאפ און זיינען פרייטאג געקומען צו דער היערינג, האבען שוין מאנטאג געפיהלט גאנץ אנדערש וועגען דער גאנצער אנגעלעגענהייט, וואס עס מאכט אונז גלויבען אז דא וואו זיי ארבייטען איצט האט מען זיי שוין געגעבען אנצוהערען אז אויב זיי וועלען קומען צו דער היערינג וועלען זיי דערפאר ליידען. מיר האבען זיי נאטירליך ערמוטיגט צו קומען צו דער היערינג, און פארזיכערט אז די יוניאן וועט זיי פארטיידיגען אין פאל זייער איצטיגער מאנופעקטשורער וועט זיי דיסקרימינירען.

מאנטאג האט שטאטגעפונען די היערינג אין איין קייס, דאס איז די פירמע סניידער און ווייטלין, וועלכע האט דיסטשארדזשט אן ארבייטערין פאר דעם איינציגען פארברעכען וואס זי האט ביי א מיטארבייטערין גענומען איהר יוניאן בוך צו באצאהלען דיוס.

די פירמע איז געווען פארטראטען דורך מר. סניידער און זיין געטרייע פארליידי, באקאנט צו די ארבייטער אלס „מאלי". די דיסטשארדזשטע ארבייטערין האט געהאט אלס עדות צוויי ארבייטער פון שאפ, איינע איז טאקע די וועלכע האט איהר נעגעבען איהר יוניאן בוך. און איז שוין איצט אויך דיסטשארדזשט, און א צווייטער ארבייטער, וועלכער ערווארטעט אז די פארליידי וועט איהם שוין איצט געבען קעסט, דערפאר וואס ער האט געוואגט צו קומען עדות זאגען, אז די דיסטשארדזשטע איז געוועזען א גוטע ארבייטערין, און אז די צונעטראכטע מעשות וועגען דעם אז איהר ארבייט האט ניט געטויגט איז, איידעל גערעדט, ניט אמת.

אין פארלויף פון דער היערינג איז ארויסגעבראכט געווארען, אז אין דעם שאפ פון סניידער און ווייטלין איז איינגעפיהרט א גאנצע שפיאנען סיסטעם און אזוי שנעל ווי די פארליידי דערוויסט זיך עפעס פון אן ארבייטער, וואס איז אקטיוו אין דער יוניאן, ווערט ער דיסטשארדזשט. עס איז אויך ארויסגעבראכט געווארען, אז ביי סניידער און ווייטלין ווערט געארבייט אומגעהויער לאנגע שטונדען, און ווען דזשאדזש סטוירן האט געפרעגט מר. סניידער, צי וויסט ער אז לויט דעם אגרימענט דארף מעהר ניט געארבייט ווערען ווי 44 שטונדען, האט ער זיך געמאכט, אז ער האט שלעכט פארשטאנען דעם אגרימענט. ער האט נאר געמיינט אז בלויז וואך ארבייטער דארפען ארבייטען 44 שטונדען, אבער ניט די שטיק ארבייטער. אויף דעם האט ער געקראגען דעם נעהעריגען ענטפער אין דער פראגע פון דער דיסטשארדזשטער ארבייטערין: „צי רעכנט ער אז שטיק ארבייטער האבען מעהר קרעפטען ווי וואך ארבייטער"?

ווען מיר געהען צו פרעס איז נאך ניט באקאנט די ענטשיידונג פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן, דזשאדזש סטוירן. מיר ווילען האפען אז ער האט געקענט ארויסנעמען דעם אמת אין דער גאנצער אנגעלעגענהייט און וועט געבען א גינסטיגע אנטשיידונג פאר דער דיסטשארדזשטער ארבייטערין.

די פארשטעהער פון דער פירמע וועסעל און ליוויי האבען זיך איינגאנצען ניט געצייגט. עס בלייבט איצט צו זעהן ווי א... אסס'ן וועט האנדלען אין דיסציפלינירען איהר מעמבער.

איין זאך איז זיכער, אז די יוניאן איז אנטשלאסען צו קריגען גערעכטיגקייט אין די ראמען פון דעם אגרימענט. זאלען די ארבייטער אין די אסס'ן שעפער לאזען וויסען אין אפיס פון דער יוניאן וועגען פאלען פון דיסקרימינישאן. די יוניאן וועט יעדע קייס געבען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט.

ארבייטסלאזע מעמבערס פון לאקאל 50 דארפען זיך רעדזשיסטרירען אין אפיס.

עס פאנגט זיך אן ארבייט, און אין אייניגע שעפער, וואו עס ווערט געארבייט די ביליגערע ליין דרעסעס איז שוין דא א נאכפראגע אויף ארבייטער. עס וועלט דעריבער זיין נויטיג פאר יעדען וואס איז ארבייטסלאז זיך צו מעלדען אין אפיס פון דער יוניאן, 52 נ. 10טע סט. און זיך רעדזשיסטרירען אלס ארבייטסלאזער, אזוי אז די יוניאן זאל קענען שיקען די ארבייטער צו דער ארבייט לויט דער רייע און באלד ווי א מאנופעקטשורער ווענדעט זיך נאך מעהר ארבייטער.

לייברערי פון לאקאל 50 האט אריינגעקראגען וויכטיגע ביכער.

די מיטגלידער פון לאקאל 50 וועיסט און דרעס מייקערס, וועלכע ווילען זיך באנוצען מיט דער רייכער לייברערי פון לאקאל, קענען איצט קריגען פיל וויכטיגע ביכער אין אידיש, ענגליש און רוסיש, וועלכע זיינען איצט אריינגעקומען פון איינבינדער.

אונזער לייברערי איז פריי צו אלע מעמבערס פון דער יוניאן. א גוטער בוך איז דער שליסעל צו גייסטיגער ענטוויקלונג. באוואוסטזיניגע ארבייטער דארפען זיך באנוצען מיט דער לייברערי, וואו זיי קענען געפינען אן ענטפער צו פילע וויכטיגע פראגען.

אן אונטערהאלט אין די בראנקס

שבת נאכט, דעם 17טען דעצעמבער.

אונזער עדיוקיישאנעל סיזאן אין די בראנקס וועט זיך אנהויבען שבת נאכט, דעם 17טען דעצעמבער, אין דעם שעדנעם אודיטאריום פון פ. ס. 54, אין פרימען סטריט און אינטערוויל עוו.

דער פראגראם פאר דער נאכט וועט באשטעהן פון א קאנצערט פון באריהמטע ארטיסטען. דער רעדנער וועט אנגעזאגט ווערען שפעטער.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט לאדט איין יעדען מעמבער מיט זיין פאמיליע צו דער אונטערהאלטונג.

עס ווערט אויך ארגאנזירט אין די בראנקס א קורס פון לעקציעס פאר יעדען פרייטאג אוונט און שבת אין דער פריה.

אזעלכע אונטערנעמונגען זיינען שוין געגעבען געווארען פון אונזער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט אין אלע טיילען פון בראנקס, און זיינען אלעמאל געווען ערפאלגרייך.

עקזעקוטיווע באארד פון אלע לאקאלס העלדען אינטערעסאנטע רעדע פון פ. דעמביצער

פאריגען דינסטאג אוונט האבען מיר אין פילאדעלפיא געהאט אן אנגעזעהענעם גאסט, ברודער פ. דעמביצער, פון דעם פראפאגאנדע דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל.

דער דזשאינט באארד פון די קלאוק און סקוירט מאכער לאקאלען, צוזאמען מיט דעם דזשאינט באארד פון לאקאל 50 וועיסט און דרעסמאכער, האבען צו דער געלעגענהייט ארגאנזירט א געמיינשאפטליכען מיטינג פון אלע עקזעקוטיווס און ברענטש אדוויזארי באארדס. עס האבען זיך פארזאמעלט ארום הונדערט פון די אקטיווסטע און איבערגעבענסטע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל אין פילאדעלפיא, וועלכע האבען מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו דער אינהאלטסרייכער רעדע פון ברודער פ. דעמביצער.

אין זיין רעדע האט ברודער דעמביצער זיך אפגעשטעלט אויף דעם צושטאנד פון אונזערע לאקאלען איבער'ן לאנד, ספעציעל אין ניו יארק. ער האט געגעבען אן איבערזיכט איבער דעם צושטערונגס קאמף וואס די קאמוניסטען האבען אנגעפירט נעגען דער יוניאן, און באוויזען ווי אזוי די פארפירטע מאסען קערען זיך אפ פון די פאלשע משיחים און ווערען ווידער איבערגעבענע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. ברודער דעמביצער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף די פארשידענע טריידפראבלעמען וואס ווערען איצט דיסקוטירט און וועלען דארפען געפינען א לייזונג ביי דער נעקסטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל.

דאס איז געוועזען אן אמת אינטערעסאנטער מיטינג פאר אלע אקטיווע טוער. אלע פראגען וואס זיינען געשטעלט געווארען צו ברודער דעמביצער זיינען פון איהם מיט טאקט און קלארקייט געענטפערט געווארען.

דער מיטינג איז געהאלטען געווארען אונטער דעם פארזיץ פון ברודער ה. קאפלאן פון דער קלאוק מייקערס יוניאן.

ברודער דעמביצער'ס רעדע האט אזוי געווירקט אויף אלע אנוועזענדע, אז עס איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו רופען א גרויסען מיטינג פון אלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל אין פילאדעלפיא, און ווידער איינלאדען ברודער דעמביצער צו ריידען.

די עפידעמיע פון אינדזשאנקשאנס

פון דר. הערמאן פראנק

דער וויכטיגסטער שריט פון דער האיאריגער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר איז געווען איהר שארפער און ענטשלאסענער פראטעסט נעגען דער אינדזשאנקשאן-מכה. פאר די לעצטע איינינע מאנאטען זיינען ווידער פארגעקומען סקאנדאליעזע קייסעס, ווען די בירגער-רעכטע פון די ארבייטער זיינען איינפאך צוטראטען געווארען אונטער די פיס פון רעאקציאנערע און פארביסענע ריכטער. אזא צושטאנד האט ארויסגערופען א שווערע זארג ביי די פיהרער פון דעם היגען טרייד-יוניאניזם, ווי דאס האט נעפונען אן אפקלאנג אויף דער קאנווענשאן אין לאס-אנדזשעלעס.

אבוואהל די אינדזשאנקשאן אנשי-קענים האט זיך שארף נעלאזט שפירען כסדר דורך די לעצטע פינף — זעקס יאר פון דער נאך-מלחמה רעאקציע, האט זי אבער באזונדערס שמערצליך באריהרט די לעבענס אינטערעסען פון די טרייד-יוניאנס דוקא אין די לעצטע זעקס מאנאטען. דורך איין איינציגען באשלוס פון דעם העכסטען געריכט פון לאנד, אין וואשינגטאן, ד. סי., איז ממש געשטעלט געווארען אונטער א פראגע-צייכען דער קאנסטיטוציאנעלער באדען, אויף וועלכען די גאנצע יוניאן באוועגונג באזירט זיך. גלייך נאך דעם האט אנגעפאנגען צו האגלען מיט נייע גזרות און פארבאטען, וואס שטעלען אין געפאהר די עקאנאמישע פרייהייט פון דעם ארבייטער קלאס.

ווי באקאנט, האט יענער באשלוס פון דעם סופרים קאורט אין וואשינגטאן ארויסגענומען פון די הענט פון דער יוניאן (דזשוירנעמען סטאון קאטערס אסאסיאיישאן) דעם איינציגען ווירקזאמען מיטעל אין קאמף נעגען סקעבעריי און עקספלואטאציע — דעם פרידליכען מיטעל פון סטרייק און באיקאט. דאס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם באשלוס פון די יוניאן ארבייטער ניט צו אויסצופיהרען קיינע ארבייטען מיט דעם מאטעריאל, וואס קומט פון די שטיין-גרובען, וועלכע פונקציאנירען אויף דעם נאן-יוניאן באזיס. די קאמפאני (בעדפארד קאט סטאון קאמפ.) האט פארפירט א לאנגען פראצעס נעגען דער יוניאן פון די סטאון-קאטערס און האט זיך ענדליך דערשלאגען צו אן אינדזשאנקשאן.

די קייס האט זיך אנגעפאנגען פון דעם, וואס די דזשוירנעמען סטאון-קאטערס אסאסיאיישאן, וועלכע איז אן אינטערנעשאנאל מיט איבער 5,000 מיטגלידער אין די יונייטעד סטייטס און קענעדע, האט פעסט באשלאסען ניט צו דערלאזען, אז די שטיינער פון דער פירמע אין בעדפארד, אינדיאנא, זאלען נענומען ווערען צו דער ארבייט. דיזע בעדפארדער פירמע האט, נעמליך, זינט 1921 זיך ערקלערט פאר א ביטערען און נעפערליכען שונא פון טרייד-יוניאניזם.

אין אנפאנג האבען די לאקאלע געריכטען אנגענומען א גינסטיגע שטעלונג פאר די ארגאניזירטע ארבייטער. דער דיסטריקט קאורט און דער סוירקוט קאורט אוו אפילס האבען ניט געקענט געפינען קיין לאגישען גרונד פאר דעם פארלאנג פון דער קאמפאניע צו באקומען אן אינדזשאנקשאן נעגען דער יוניאן. ענדליך איז די קייס צוגעקומען צום העכסטען געריכט פון לאנד, וואו מ'האט גע'פסק'ענט, אז לויט די אנטי-טראסט געזעצען טאר ניט דערלאזען ווערען, דאס א טרייד-יוניאן זאל שטערען דעם „אינטערסטייט האנדעל" דורך געמיינזאמע אקציאן, ווי למשל סטרייק אדער באיקאט, און איבער דעם מעג די פירמע פון בעדפארד ארייננקרינען אין איהרע הענט א בייטש נעגען די ארגאניזירטע ארבייטער. מען האט, אלזא, איינס און צוויי בטל געמאכט דעם אלגעמיינעם פרינציפ פון אלע מאדערנע קאנסטיטוציעס, דאס יעדער בירגער האט דאס פולע רעכט צו באשטימען וואו און ווען און ביי וועלכע באדינגונגען ער וויל זיך אנדינגען אויף ארבייט.

אזא אומלאגישער און רעאקציאנערער גזר-דין האט ארויסגערופען א שארפען פראטעסט אפילו ביי א טייל פון די סופרים קאורט ריכטער גופא. דזשאסטיס בראנדעיס און דזשאסטיס האלמס האבען צוגעשטעלט א מינדערהייט ערקלערונג, וועלכע שטעלט אוועק דעם מערהייט-באשלוס פון די איבעריגע ריכטער אין דעם ריכטיגען ליכט. זיי האבען ארונטערגעריסען דעם שלייער פון יוריסטישע דריידלאך, מיט וועלכע מען האט געזוכט, אויף דעם סמך פון די אנטי-טראסט געזעצען פון פאר 30 יאהר און פון פרעזידענט ווילסאן'ס צייטען, צו פארמאסקירען די אמת'ע געמיינע כונה צו דערשטיקען די עקאנאמישע פרייהייט פון דעם לוין-ארבייטער.

„אויב מ'קען, ווי עס ווייזען די קלארע פאקטען פון דיזער קייס, זאגען די ריכטער בראנדעיס און האלמס, ארויסקריגען אן אינדזשאנקשאן ביי אזא מין סכסוך, דאן קומט אויס, אז דער יונייטעד סטייטס קאנגרעס האט מיט זיינע געזעצען (שערמאן לאא און קלעיטאן אקט) געשאפען א ווערקצייג, מיט וועלכען מען קען ארויפצווינגען אויף די ארבייטער א צושטאנד פון שקלאפעריי".

אזוי האבען צוויי געוויסענהאפטע ריכטער צוגעשטעלט דעם בעסטען באווייז פון דעם קלאסען-באוואוסטזיין, וועלכער באהערשט די נעדאנקען ביי די איבעריגע זיבען העכסטע ריכטער פון לאנד. ס'קען שוין איצט קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער סופרים קאורט האט די אבזיכט צו מאכען אש און בלאטע פון די וויכטיגסטע פרייהייטען פון דעם אמעריקאנישען ארבייטער.

מ'האט זיך געקענט ריכטען אויף אזא איינזייטיגען און העכסט-רעאקציאנערען באשלוס, אבער דאך האט קיינער ניט געוואלט גלויבען, אז די העכסטע געריכטליכע אינסטאנץ (אמט) פון א דעמאקראטישען לאנד זאל זיך ערלויבען צו געהן אזוי ווייט אויף רעכטס. עס איז שוין מיט א יאהר 12 צוריק פארגעקומען אן ענליכער פאל אין סופרים קאורט, און דעמאלט איז דער אויסגאנג געווען ווייניגער רעאקציאנער.

אין יענער קייס האט א געוויסע קאמפאניע (פעין לאמבער קאמפ.) געפאדערט אן אינדזשאנקשאן אנטקעגען די ארבייטער, וואס זאגען זיך אפ צו ארבייטען ביי די נאן-יוניאן מאטעריאלען. נאך לאנגע בעראטונגען האט דער סופרים קאורט באשלאסען, אז אזא סטרייק פון א גרופע ארבייטער איז ניט אין איינקלאנג מיט די פעדעראלע געזעצען, וואס פארווערען יעדען מין געפלאנטען ארויסטריט, וועלכען מען קען אויסטייטשען אלס באשרענקונג פון דעם בירגער'ס פרייהייט צו האנדלען און טאן ביזנעס אין דער אינדוסטריע. דאס איז, ווי באקאנט, דער זין פון די אנטי-טראסט געזעצען, וועלכע זיינען דוקא פארבליבען אויף דעם פאפיר, ווען עס האנדעלט זיך וועגען די גרויס-קאפיטאליסטישע און מאנאפאליסטישע פירמעס.

אזא פרינציפיעלער באשלוס פון יאר 1915 האט נאך אבער ניט נעפירט צו דער געפאדערטער אינדזשאנקשאן. דער העכסטער געריכט האט געהאלטען, אז ווען די קייס האט זיך אנגעפאנגען, דאס הייסט פאר דעם יאהר 1914, איז נאך געווען אין קראפט בלויז דער אמאליגער אנטי-טראסט געזעץ, דער שערמאן לאא. דעמאלט האט א פריוואטער צד ניט געטארט באקומען אן אינדזשאנקשאן אין די קייסעס, וואו מען האט באשולדיגט א יחיד אדער א גרופע אין „ריסטרעינט אוו טרייד" (באשרענקונג פון ביזנעס פרייהייט). אבער דער כלומרשט ליבעראלער קלעיטאן אקט, פון יאהר 1914, האט געפיהרט צו דעם, אז מען קען שוין איצט פראנק און פריי ארויסלאזען אינדזשאנקשאנס ביי אן עהנליכען סכסוך, און אט האט איצט די בעדפארד קאט סטאון קאמפאני ארויסגעקראגען פון סופרים קאורט אין וואשינגטאן יענעם בייטש, וועלכען מען האט זיך דאך געשעמט צו געבען א הייפעל קאפיטאליסטען אין יאהר 1915.

די דאזיגע קעיס איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר דער היינטיגער שטימונג אין די הערשענדע קרייזען. דא טרעט ארויס זייער נעקעטער און העסליכער עגאאיזם אין זיין פולער געשטאלט. אלע טענות, אז די אינדזשאנקשאן איז בלויז א מיטעל צו פארהיטען דעם באס פון געוואלט-טהאטען און פון סתם היזקות פאר די קאפיטאליסטען, קענען אבסאלוט ניט באנוצט ווערען ביי דעם יעצטיגען סכסוך צווישען די ארבייטער און די באסעס. מ'האט דא ניט געקענט געפינען דעם קלענסטען שפור פון געוואלט-טאטען אדער אפילו פון פיקעטינג. אויסער די ארבייטער פון דער איין-איינציגער „אינטערנעשאנעל" (סטאון קאטערס אסאסיאיישאן), זיינען די אינטערעסען פון קיין אנדער קרעפט (פאך) אדער טרייד ניט געווען פארוויקעלט אין דעם סכסוך. מען האט, אלזא, ניט געקענט אויפבויען א טעאריע וועגען א סימפאטי סטרייק, וועלכער איז כלומרשט נעגען דעם טובת הכלל. דאס אלץ האט אבער אויף א האר ניט געהאלפען, און מען האט דעם מוטיגען באשלוס פון די יוניאן ארבייטער ערקלערט פאר אן אומגעזעצליכער קאנספיראציע צו באשרענקען די פרייהייט פון „אינטערסטייט קאמערס". מעהר ווי דאס האבען די באסעס פון די שטיין-גרובען אין דעם בעדפארדער דיסטריקט ניט נעדארפט.

ס'קומט על כן אויס, אז פון איצט אן וועט יעדער סטרייק נעגען דעם געברויך פון נאן-יוניאן מאטעריאלען קענען ערקלערט ווערען אלס אומגעזעצליך, און אז די אנטי-טראסט געזעצען וועלען פראסט פשוט דינען צו דערשטיקען די עקאנאמישע פרייהייט פון דעם ארבייטער קלאס.

אזוי איז שטילערהייט אונטערגענומען געווארען א פארזוך אוועקצורויבען פון דעם אמעריקאנער ארבייטער דאס רעכט צו סטרייקען. ווי קען יעדער באוואוסטזיניגער און שטאלצער ארבייטער פארבלייבען גלייכגילטיג צו אזא גזרה? דאס איז די פראגע, אויף וועלכער די יוניאן פיהרער האבען נעגעבען א קלארע און אפענע תשובה אויף דער האי-יאהריגער קאנווענשאן אין לאס אנדזשעלעס.

ווי מען האט זיך געקענט ריכטען, איז באלד נאך דעם באשלוס פון סופרים קאורט די היגע ארבייטער באוועגונג באשאטען געווארען פון אלע זייטען מיט א האגעל פון עהנליכע אינדזשאנקשאנס. א דיסטריקט קאורט אין ניו יארק האט ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן א היינער פירמע נעגען דעם „בילדינג טריידס קאונסיל" פון וועסטשעסטער קאונטי, וואו עס האט זיך געהאנדעלט פונקט

(שלוס אויף זייט 10)

פארוואס מען ווארפט ארויס

(פעליעטאן)

פון ז. וועהילער

דעם אמת זאגנדיג, האט זיך מיר ניט געוואלט באריהרען די טראגי-קאמעדיע וואס האט זיך אפגעשפילט אין מאסקווע ווען מען האט אויסגעשלאסען, אדער ווי מ'זאגט אויף פראסט מאמע-לשון — ארויסגעווארפען, טראצקין מיט די אנדערע באלשעוויסטישע גדולים, פון דער קאמוניסטישער פארטיי. מיר קלינגט נאך אין די אויערען מיין באבע'ס בעבעם וואס זי פלעגט כסדר טענה'ן:—גאטעניו, הויב מיך ניט אויף און ווארף מיך ניט ארונטער... און איך גלויב אז קיין ערגערען ארונטערפאל האט נאך קיין איין מיניסטער אין ערגעץ ניט געהאט.

כ'האב געקלערט, מסתמא וועט ביי אונז באלד נעגרינדעט ווערען א טראצקיסטישע פארטיי וועט מען אפשר דארפען זיך אנשליסען אין דער נייער פארטיי און קעמפען פאר טראצקי'ס כבוד. כאטש די נייע באוועגונג קאן זיך נאך אויסלאזען מיט א דזשענעראל סטרייק פון די העסמאכער, אדער פאריער — אבער וואס פאר א באטרעף האבען עטליכע צעהנדליג טויזענט הארעפאשניקעס, ווען עס האנדעלט זיך וועגען טראצקי'ס כבוד!

טראצקי! אונזער מאדערנער „בעל-שם", אונזער נייער „ווילנער גאון", וועמעס בילד הענגט אין אלע הייזער פון איצטיגע, און נעוועזענע, פראלעטאריער; מיט וועמען אפילו ארטאדאקסען און שוהל-אידען האבען זיך נעגרויסט; איהם האט מען ארויסגעווארפען פון דער קאמוניסטישער פארטיי!

וועלען מיר דען שווייגען? וועט זיך גאר קיינער ניט געפינען צווישען אונז וואס זאל אויפנעהמען טראצקי'ס קאמף? וועלען מיר אלע מוזען ארונטערנעהמען טראצקי'ס בילד פון וואנט און עס ארויסווארפען אויפ'ן מיסט?

פארוואס? וואס האבען מיר צו איהם? איז ער דען געווען א שלעכטער קריגס-מיניסטער? האט ער אפשר פארשאכערט די רוסישע אויל-קוואלען פאר א פעטען כאבאר? האט ער אפשר געוואלט איינפיהרען צוריק קאפיטאליזם אין רוסלאנד?

ניין. קיין איינע פון אט די באשולדיגונגען ווערען ניט געמאכט נעגען איהם. פארקעהרט. אלס קריגס-מיניסטער איז ער געווען דער בעסטער; די גוט-דיסציפלינירטע רויטע ארמיי איז זיין עדות. קיין כאבאר האט ער ניט גענומען, און קיין קאפיטאליזם וויל ער אויך ניט איינפיהרען. ער וויל גאר איינפיהרען וואס מעהר קאמוניזם!

מא פארוואס-זשע פארט האט מען איהם ארויסגעווארפען?

אט דאס זיינען די פראגען וואס מען הערט איצט צווישען די הארעפאשניקעס, ביי וועמען טראצקי איז געווען א גאט, און אין וועמען זיי האבען געזעהן פארקערפערט אלץ אין וואס זיי האבען געגלויבט. זיי, די גלויביגע, ווייסען איצט ניט וואס צו טאן, ווייל אויב ניט טראצקי בלייבט פאר זיי גאר ניט, האבען זיי מעהר ניט אין וואס צו גלויבען... לענין און טראצקי האבען פארנומען ביי זיי די ערטער פון משה און אהרן. לענין איז טויט, טראצקי'ן ארויסגעווארפען — טא וואס איז געבליבען?

אבער ערגער פון אלץ ענבערט די פראגע: פארוואס? פארוואס האט מען איהם ארויסגעווארפען? און יעדערער פראוווט ארויסזאגען א מיינונג צו רעכטפערטיגען דעם גזר דין. אבער יעדע מיינונג ווערט צוריקגעווארפען. קיינעם לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל אז טראצקי, דער קלוגער; טראצקי, דער הייליגער, זאל אפטאן אזא שלעכטע זאך, אזא שרעקליכען פארברעכען, פארוואס עס קומט ארויסווארפען פון דער פארטיי.

רופט זיך אן איינער א יונגערמאן, קענטיג א שטארקער און הייסער חסיד פון טראצקי'ן:

הערט-אויס, זאגט ער, וואס איך וועל אייך זאגען. טראצקי איז קיין שום פארברעכען ניט באגאנגען, און ניט דערפאר האט מען איהם ארויסגעווארפען פון דער פארטיי. מיט טראצקי'ן האט מסתמא, זאגט ער, פאסירט דאס אייגענע וואס מיט מיר. איך האב אויך קיינמאל ניט באגאנגען קיין שום פארברעכען, און מיט גאר ניט זיך פארזינדיגט, פון דעסטוועגען האט מען מיר שוין עטליכע מאל ארויסגעווארפען פון דער יוניאן, עטליכע מאל ארויסגעווארפען פון ארבייטער רינג, און מען ווארפט מיך ארויס פון אלע אנדערע פאראיינען וואו איך באלאנג אמאל.

מיינט איהר פארוואס? זאגט ער; איבער א קליינינקייט: דערפאר וואס איך צאל ניט קיין דיוס...

— די רוסישע קאמוניסטישע פארטיי — זאגט ער — איז געוויס א פארטיי ווי אלע ארגאניזאציעס איבער דער גאנצער וועלט, מיט געזעצען, מיט לאאס און ביי-לאאס, און זיי מוזען האבען א „רול" אז מען באצאלט ניט קיין דיוס ווארפט מען ארויס — מעג עס זיין אפילו טראצקי אליין! אדרבה, דווקא טראצקין ארויסווארפען, און זאלען אלע מיטגלידער ווייסען אז מען דארף באצאהלען דיוס...

דער יונגערמאן האט עס ארויסגערעדט מיט אזא ערנסט אז ער-האט כמעט איבערצייגט די איבעריגע פראגען-שטעללער, ווייל קיינער האט ניט געפרואווט איהם באשטרייטען. יעדערער האט קענטיג געפיהלט אין זיך אן עהנליכע טראגעדיע. ווארום וועמען האט מען עס שוין ניט ארויסגעווארפען אמאל פון ערגעץ פאר ניט צאהלען קיין דיוס?

און די פראגע וועגען טראצקי'ן איז מאקע געבליבען ניט פארענטפערט...

קאמפיין מאשינערי, צו דער צייט ווען עס וועט זיך באווייזען אין די שעפער נייע ארבייט.

דער באשלוס פון דזשאינט באארד איז פראקטיש און פלאנמעסיג. דער באשלוס צייגט, אז די פירערשאפט פון דזשאינט באארד, און פון די לאקאלען וואס זיינען מיט אים פארבונדען, פארשטעהען, אז זאלאנג עס פארבלייבט אפילו איין ניט-ארגאניזירטער שאפ אין גאנצען מארקעט, איז די ארבייט פון דער יוניאן ניט פארענדיגט, און זיי האבען זיך אין זינען אויך, אז מאקע אין סלעק צייט דארף זיך די יוניאן פארברייטען פאר די שווערע ארבייט, און ניט ווארטען ביז וואנען דער סיזאן וועט אנקומען.

* * *

ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס דער פארגאנגענער סיזאן איז געווען א שלעכטער, און ניט אכטענדיג אויף פילע אנדערע שטערונגען, איז דעם דזשאינט באארד דאך געלונגען, אין פארלויף פון געציילטע וואכען, צו ארגאניזירען ניט ווייניגער פון 250 קלאוק און דרעס שעפער. אין פארלויף פון נעקסטען סיזאן, מיט בעסערע פארבערייטונגען און מיט א בעסערער ארגאניזאציע אין אלגעמיין, מעג מען האפען אז די ארגאניזאציאנס ארבייט וועט שאפען נאך פיל באדייטענדערע רעזולטאטען און וועט ברענגען די יוניאן פיל נעהענטער צו איהר ענדציל — דער-פאלקאמענער קאנטראל איבער אלע ארבייטס-באדינגונגען אין יעדען קלאוק, סוט און דרעס שאפ אין דעם ניו יארקער מארקעט.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President A. BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 48. New York, Friday, December 2, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

שנעלע הילף פאר די סטרייקענדע מיינערס!

די 150,000 ווייכע קוילען מאינערס פון פענסילווייניא, אהייא, און וועסט ווערדזשיניא, וואס זיינען אין סטרייק שוין אריבער זיבען מאנאטען, האבען זיך איצט געווענדעט נאך הילף צו דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. לאמיר האפען, אז איטליכע ארבייטער ארגאניזאציע אין לאנד וועט זיך אויף דיזען הילפס-געשריי גלייך אפרופען מיט א ברייטער און ווארימער האנט.

דער הילפס-רוף פון די סטרייקענדע מאינערס האט דערגרייכט די ארבייטער באוועגונג דורך דעם ספעציעלען אפיל וואס די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט לעצטע וואך ארויסגעשיקט צו אלע אינטערנעשאנעלס איבער'ן גאנצען לאנד. כמעט דריי-פערטעל יאהר נאכאנאנד האבען די מאינערס אנגעפיהרט דעם קאמף בלויז מיט זייערע אייגענע מיטלען. די ברוטאלע מאכט פון די באוואפענטע גארדס, וואס דינען די מעכטיגע קוילען קאמפאניס, די בארמלאזע טיראניי פון דער וואל-סטריטער גענג, וואס קאנטראלירט די קוילען בראנזשע, האבען די סטרייקערס פארטריבען פון זייערע היימען. זיי, מיט זייערע פאמיליעס, זיינען איצט געצוואונגען צו שלאפען אין ביידלעך וואס זייער יוניאן, די יונייטעד מיין ווארקערס אוו אמעריקא, האט פאר זיי אויפגעשטעלט אויפ'ן פרייען פעלד, און וואס א טאג, אלץ גרעסער ווערט די צאהל פון דיזע מאינערס, וואס ווערען בארויבט און ארויסגעטריבען פון זייערע היימען.

* * *

איצט קומט אן ווינטער, דער שרעקליכער, ביטערער ווינטער, וואס בורשעוועט אין די קוילען פעלדער, און די סטרייקערס שטעהען פנים אל פנים מיט דער גרויסער, שרעקליכער פראבלעם: וואו וועלען זיי איצט קריגען אביסעל קליידער און שפייז פאר זייערע קינדער און פרויען, וואו קריגט מען כאטש די סאמע נויטיגסטע לעבענס-מיטלען, כדי צו פארזארגען די קליינע קינדער אין די האלב-פארפרארענע ביידלעך מיט א ווארימען ביסען, מיט א גאנצען, אבוואהל אן אלטען, שיכעל, אום צו קענען דעם קאמף אנפיהרען אונאונטערבראכען, ביז וואנען זיי וועלען זיך צושלאגען צו א זיג?

די קוילען מאגנאטען און זייערע שותפים, די שטאל מאגנאטען, די אייזענבאן באראנען, און די פינאנציעלע העכט פון פיטסבורג און ניו יארק, האבען עפענטליך ארויסגעדריקט די האפנונג אז די קעלט און ליידען פון דעם קומענדען ווינטער וועלען פאר זיי דעם קאמף געווינען. ביז איצט זיינען דאס, אבער, געווען ניט מעהר ווי פוסטע בארימעריען. זינט די 150,000 מאינערס האבען פארלאזען די קוילען גריבער לעצטען אפריל, האבען אין גאנצען ווייניגער ווי 100 סטרייקערס פארראטען זייער יוניאן און איבערגעגאנגען אויף דעם זייט פון דעם שונא. די גאנצע ארמיי פון די סטרייקערס שטעהט ווי אן אייזערנע וואנט, בארייט צו קעמפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט, בארייט צו ברענגען נאך גרעסערע אפפער, אבי דעם ציל צו דערגרייכען.

די סטרייקערס ווייסען, אבער, וואסערע נייע שרעקליכע ליידען דער שנעל-אנקומענדער ווינטער ברענגט פאר זיי. זיי באגרייפען גענוי אז די קעלטען און פראסטען וועלען פארפילפאכען די ליידען פון זייערע ארים-געקליידעטע, האלב-הונגעריגע פרויען און קינדער; זיי זיינען, אבער, ענטשלאסען צו באווייזען דער גאנצער וועלט, אז זיי וועלען דיזע גרויסע פראבע פון ארבייטער קאמף העלדיש דורכגעהן — אויב די ארבייטער באוועגונג וועט זיי בלויז פארלייכטערען די עטליכע זעהר שווערע מאנאטען וואס קומען אן און וועט דערמיט זייערע הערצער דערמונטערען און זייער האנט פארשטארקען אין דיזען טיטאנישען צוזאמענשטויס מיט אלמעכטיגען קאפיטאל.

* * *

די מאינערס פון די ווייכע קוילען גריבער פון פענסילווייניע און אהייא קעמפען איצט דורך איינע פון די גרעסטע שלאכטען, וואס ארגאניזירטע ארבייטער האבען ווען עס איז דורכגעפאכטען אין אמעריקא. זייער קאמף איז דער קאמף פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, און די מאינערס האבען עהרליך פארדינט, אז די ארבייטער באוועגונג זאל זיי שטיצען מיט דער העכסטער און פולסטער מאס שטיצע, וואס זי קען זיי נאר געבען.

מיר דארפען עס קוים אונטערשטרייכען, אז אונזערע ארבייטער, די ארבייטער פון דער פרויען-קליידער אינדוסטריע, זיינען די מאינערס שולדיג א גרויסען חוב. די מאינערס האבען אונזער יוניאן קיינמאל ניט ענטזאגט קיין הילף — סיי אין צייט פון סטרייקס און סיי אין אירגענד וועלכען אנדערען קריזיס — און האבען אונז אימער באהאנדעלט אין א העכסט פריינדליכען, ברודערליכען אופן.

א חוץ דעם, האבען אונזערע ארבייטער, די קלאוק מאכער און דרעסמאכער פון ניו יארק און פון אנדערע שטעדט, אליין, מעהר ווי איין מאל שוין פארזוכט דעם ביטערען טעם פון א לאנגען און פארצווייפעלטען סטרייק. אונזערע ארבייטער ווייסען דעם טעם פון לאנגע מאנאטען אויף די פיקעט ליינס, מאנאטען פון ליידען און דחקות, — אבוואהל מיר מוזען צוגעבען אז, ווי שווער אונזערע סטרייקס זאלען ניט זיין, קען מען זיי ניט פארגלייכען מיט די שרעקליכע שוועריגקייטען און אפפער וואס זיינען פארבונדען מיט אזא קאמף, ווי אט דיזער סטרייק פון די 150,000 קוילען גרעבער, וואס זיינען געצוואונגען צו קעמפען ניט נאר געגען די אייגענטימער פון די מיינס נאר אויך געגען די פריוואטע „קוילען און שטאהל פאליציי", געגען די סטייט קאזאקען פון פענסילווייניע און אהייא, געגען די הונדערטער ברוטאלע דעפיוטי שעריפס, און קעגען די אינדזשאנקשאן ריכטער, וואס לאזען זיי ניט פריי אטעמען און פארפענטעווען זייער יעדען טריט און שריט.

* * *

עס איז, איצט, לײדער סלעק אין אונזערע שעפער, — פונדעסטוועגען זאל אפילו דיזע סלעק ניט אפהאלטען אונזערע ארבייטער אין יעדען שאפ, אין יעדען טרייד, אין יעדען לאקאל פון אנצופאנגען דיזע רעליף ארבייט פאר די העלדישע סטרייקענדע מאינערס. זאל אין יעדען לאקאל, זאל אין יעדען דזשאינט באארד געשאפען ווערען א רעליף קאמיטע, וואס זאל זאמ[illegible], שיך, בלענקעטס און געלט, און זאל עס גלייך אוועקגעשיקט ווערען צו די מאינערס קאמיטע, אין פיטסבורג, און פון דארטען אין די סטרייק פעלדער. געלט זאל צוגעשיקט ווערען אין אינטערנעשאנעל אפיס, און פון דארטען וועט עס זאפארט אוועקגעשיקט ווערען נאך וואשינגטאן, פאר די יונייטעד מיין ווארקערס.

זאלען שאפ טשערליים מיטינגס באלד גערופען ווערען אומעטום צו ארגאניזירען די הילפס-ארבייט אויף א פלאנמעסיגען וועג. ווארט ניט מיט הילף אויף דעם „ביזי" סיזאן! דער מאינער סטרייק איז אן אויסנאם קאמף אין דער ארבייטער באוועגונג; הילף פאר דעם מאינער סטרייק, ביי דעם איצטיגען מאמענט, באריהרט ניט בלויז די גרויסע מענשליכע פראגע פון ניט דערלאזען אז צענדליגע טויזענדע קינדער און פרויען פון אונזער קלאס, פון ליידענדע, קעמפענדע ארבייטער, זאלען אויסגעהן פון קעלט, הונגער און קראנקהייט, נאר עס באריהרט נאך א גרעסערען באוועגונגס-פרינציפ. מען טאר ניט דערלאזען אז די קוילען באראנען און די געלט-זעק זאלען אויסהונגערען די מאינערס און זיי צווינגען אונטערצוגעבען זיך; מען טאר ניט דערלאזען אז גרויס קאפיטאל זאל פארניכטען די יונייטעד מיין ווארקערס, די גרעסטע איינצעלנע יוניאן אין אמעריקא, אין דיזען היסטארישען צוזאמענשטויס.

מיר, צוזאמען מיט אלע אנדערע ארבייטער יוניאנס אין לאנד, קענען העלפען די מאינערס זייער קאמף צו געווינען. מיר פארענדיגען מיט די ווערטער פון פרעזידענט וויליאם גרין פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר: „גיט קליידער, גיט שפייז, גיט געלט; גיט וואס איהר האט און קענט, וואס וועט נאר העלפען די מאינערס אין דיזען העלדישען קאנפליקט."

די אינדזשאנקשאן מגפה וואקסט

עטליכע וויכטיגע פאסירונגען זיינען געשעהען אין פארלויף פון בלויז איינציגע געצעהלטע וואכען, וואס צייגען דייטליך אן וואוהין דער ווינט בלאזט בנוגע דער שרעקליכער אנגעוועהטאגטער פראגע פון ארבייטער אינדזשאנקשאנס.

אין פענסילווייניע האט א פעדעראלער ריכטער ארויסגעגעבען א מין באפעהל, וואס ווישט אפ אלע געזעצליכע רעכטע וואס די סטרייקענדע מאינערס האבען ביז איצט געדענקט, אז זיי פארמאגען אלס בירגער. א באפעהל, וואס פארבאט ניט נאר די פארטיילונג פון שפייז און אנדערע הילפס-מיטלען אין די סטרייק-דיסטריקטען, נאר וואס ערלויבט ניט די סטרייקערס אפילו צוזאמענצוקומען זיך אין די טשווירטשעס צו וועלכע זיי האבען באלאנגט, כדי זיי זאלען חס וחלילה שטילערהייט דארט ניט אפהאלטען מיטינגען און באראטונגען וועגען סטרייק און וועגען זייער קאמף געגען זייערע באלעבאטים.

אין ניו יארק, צו דער זעלבער צייט, האט די אינטערבארא קאמפאני, וואס פארוואלטעט און באהערשט דעם גאנצען היגען סאבוויי און עלעווייטעד באהן פארקעהר, זיך געווענדעט אין געריכט נאך אן אינדזשאנקשאן קעגען דער גאנצער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, וואס זאל פארבאטען איהר, און אלע איהרע אנגעשלאסענע יוניאנס, צו ארגאניזירען די טויזענטער סאבוויי און עלעווייטעד ארבייטער, וועלכע די אינטערבארא צווינגט דורך א „יעללאו דאג" קאנטראקט, צו באלאנגען צו א פייק קאמפאני יוניאן.

* * *

ווי עס שיינט, אלזא, קלייבען זיך די גרויסע קוילען און באהן קאמפאניס, וועמעס אפעטיטען זיינען לעצטענס צורייצט געווארען, פון אונטערטעניגע דזשאדזשעס, וואס שטעהען אימער אין טרייער דינסט ביי קאפיטאל, צו פארמעסטען זיך אויף דעם לעבען פון דער ארבייטער באוועגונג, מיט דער הילפע פון אינדזשאנקשאנס צו אוועקרויבען פון די יוניאנס דאס רעכט צו ארגאניזירען זיך און אנצופיהרען סטרייקס.

וועגען דעם קען שוין איצט קיין צווייפעל ניט זיין. די ווילדע רציחה פון די פארביסענע שונאים פון די ארגאניזירטע ארבייטער צילעוועט צו פארניכטען דעם סאמען יסוד אויף וועלכען די יוניאנס עקזיסטירען, און די טרייד יוניאנס מוזען, נאטירליך, דיזען אנפאל באקעמפען מיט אלע זייערע כוחות. אז די ניו יארקער ארבייטער ארגאניזאציעס פארשטעהען קלאהר דיזע געפעהרליכע לאגע, קען מען זעהן דערפון, דאס כמעט אלע פון זיי האבען אנגעבאטען זייער הילף און שטיצע צו דער אינטערנעשאנעל פון די סטריט-קאר ארבייטער, וואס פיהרט איצט אן א מערקווירדיגען קאמפיין אין ניו יארק ארייןצוציהען די סאבוויי און עלעווייטעד ארבייטער אין דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

* * *

דאס איז, נאטירליך, דער בעסטער ענטפער וואס די ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו יארק קענען געבען די יוניאן-ברעכערישע באהן-מאגנאטען. די אינטערבארא האט זיך פארנומען צו פארווערען מיט אן אינדזשאנקשאן די גאנצע ארבייטער באוועגונג צו „מישען" זיך אין „איהרע ביזנעס", און די גאנצע באוועגונג, אהן אן אויסנאם, האט דעם טשאללענדזש אויפ'ן שטעל אויפגענומען. אין פארלויף פון צוויי וואכען, האבען אלע בילדינג טריידס יוניאנס, די בארבער יוניאנס, די זעצער, עטליכע נאדעל טריידס יוניאנס, און זאגאר די גרויסע ענגלישע אקטיארען יוניאן, פריוויליג אנגעבאטען צו ארבייטען האנט אין האנט מיט דער סטריט-קאר יוניאן צו ארגאניזירען די ארבייטער אויף אלע אינטערבארא ליינס, און צו באקעמפען דעם געפלאנטען אינדזשאנקשאן מיט אלע מיטלען.

דער מאראלער איינדרוק וואס דיזע שעהנע דעמאנסטראציע פון ארבייטער אחדות האט שוין געשאפען, קען גאר ניט איבערגעשאצט ווערען. די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז ענטשלאסען ניט צו דערלאזען אז איהרע טייערסטע און הייליגסטע רעכטע זאלען צוטראטען און פארניכטעט ווערען פון אינדזשאנקשאנס און דזשאדזשעס. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג, אין א קאמף געגען אן אינדזשאנקשאן אין איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערס פון לאנד, שטעהען 800,000 ארגאניזירטע ארבייטער פעסט פאראייניגט אין איין גרויסער פארטיידיגונגס ליניע. און דער אויסגאנג פון דיזען איינצעלנעם קאמף וועט, אין א גרויסער מאס, באאיינפלוסען די צוקונפט פון דער אלגעמיינער באוועגונג וואס די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון לאנד האט אויפגענומען געגען די אימער וואקסענדע געפאהר פון סטרייק אינדזשאנקשאנס.

פאנגט אן די ארבייט איצט!

איצט איז די ריכטיגע צייט צו פלאנעווען די ארבייט אין די קלאוק און דרעס שעפער פאר'ן נעקסטען סיזאן. איצט איז די צייט זיך צו באראטען וועגען דער טאקטיק און די מיטלען, ווי אזוי דעם קאמפיין אנצופירען, ווייל איצט איז די צייט פארגלייכענמעסיג שטיל, און עס לאזט זיך דענקען מיט א קלאהרען און רוהיגען קאפ.

אט דאס, אייגענטליך, האט דער ניו יארקער דזשאינט באארד באצוועקט לעצטע וואך, ווען עס איז באשלאסען געווארען צו רופען א פריער שאפ טשערליים מיטינגס, און שפעטער בלאק און דיסטריקט מיטינגס, צו באטראכטען נייע און אלטע פלענער און מיטלען פאר ארגאניזאציאנס טעטיגקייט אין יעדען דיסטריקט, כדי איינצושטעלען א גרויסע, [illegible]

עקאנאמישע פראבלעמען אין אידישען טעאטער

2.

די „סטאר"־סיסטעם אין אידישען טעאטער איז ניט פון היינט. זי איז אלע מאל געווען. און זי איז ניט דוקא אן ערשיינונג אין אידישען טעאטער. אויף דער אלגעמיין־אמעריקאנישער ביהנע הערשט די סיסטעם ווי א ניט־באריהר־בארע הייליגקייט. דעבאטען ארום איהר ציהען אריין קינסטלערישע פראגען אזוי ווי עקאנאמישע. מיט דער עקאנאמישער נויטווענדיגקייט פארענטפערט מען די קינסטלערישע עפפערעגונג. ס'הייסט, אז ס'איז אפשר ניט לטובת קונסט ווען טעא־טער און טעאטער־שטיק ווערען צוגעשני־טען פאר איין קינסטלער, פאר איינעם איבער אלעמען, פאר איינעם איבער א גאנצער טרופע; די פאלקס־מאסע אבער האט שטענדיג ליב צו אידעאליזירען איי־נעם, האבען איין גאט, איין ליכט; דארף מען, אלזא, פאר איהר אוועקשטעלען א „שטערן", וועט שוין די פאלקס־מאסע זיך ציהען צו דער „סטאר"־ליכטיגקייט, און די טעאטער־קאסע וועט קענען אנ־ווייזען ערפאלג. נו, אין אידישען טעא־טער איז דאס געווען אלע מאל. ווען די עלטערע „סטארס" האבען אנגעהויבען פארגעהן, האט די טעאטער־וועלט באלד געזוכט נייע צו פארנעמען די פלעצער פון די אלטע. ביים אידישען טעאטער איז דאס געווען אויך א פראגע פון קריי־גען אפפרישונג בכלל. א דאנק דער פיה־רערשאפט פון ר. גוסקין, וועלכער איז פון טאן־געבער פאר דער אקטיארען יוניאן געווארען דער אויפפאסער איבער דער גאנצער פראפעסיע, זיינען צום אידישען טעאטער צוגעקומען גאר א סך נייע כחות. זיי זיינען איינגעטיילט געווארען אין פארשיידענע טעאטערע. עס איז געקומען צו דעם, אז טעאטערע האבען זיך אנגע־הויבען אויף זיי האלטען. וואו א טעא־טער, דארט א „סטאר"; וואו א „סטאר", דארט א טעאטער. מעהרערע שוישפילער זיינען צוגעקומען, זיינען זיי צוגעשטעלט געווארען צו א „סטאר", און ס'איז אויפ־געבויט געווארען א טעאטער. פאר די אויגען איז דערביי געווען דאס בילד פון דאס אויסגעברייטע אידישע לעבען אין א סך קווארטאלען פון ניו יארק און איבער'ן לאנד בכלל. איצט, ווען מ'האט זיך גע־נומען ארומזעהן, אז דאס אויסגעברייטע אידישע לעבען איז ניט קיין אלט־אידיש לעבען, און אידיש טעאטער איז געווארען פון א פאקט א פראבלעם, און די עקאנא־מישע פראגען ארום דעם אידישען טעא־טער זיינען דורך דעם געווארען פאר־שארפט — איצט איז אויס'ן טעאטער־קערפער די „סטאר"־סיסטעם געווארען א משא, א שווערע און א דריקענדע משא. א גאנץ קלארע פראגע איז ארויסגעקו־מען: וואו נעמט מען טעאטערע פאר די „סטארס"? און נאך א פראגע: דער ארויפגעשטיגענער קאסט פאר א „סטאר" — איז דאס אליין ניט קיין איבעריגע טעאטער־לאסט? און ניט נאר קאסט, די אמביציעס פונ'ם „סטאר", קינסטלערישע אמביציעס אבער נאר פון איי־נעם — דריקען זיי ניט דאס טעאטער אויף צושפרונגען צו ווערען?

**

ביי דער פארזאמלונג פון דער אקטיא־רען יוניאן, וואו גוסקין האט געזוכט אונ־טערצוציהען א סך הכל פונ'ם איצטיגען טעאטער־צושטאנד, איז אויך די סטאר־סיסטעם באריהרט געווארען. אלץ איז באריהרט געווארען. דאס וואס עס איז ניט דערמאנט געווארען האט געשוועבט פאר די אויגען סיי ווי. גוסקין האט גע־רעדט ווענען דעם אינהאלט פון אמוזירונג, פארגלייכענדיג די אידישע טעאטער־וועלט און די בראדוויי־ער, און אין זכרון פון א סך איז ארויפגעשוואומען א רעדע וואס מאריס שווארץ האט געהאלטען ביי א יום־טוב פון זיין קונסט־טעאטער. שווארץ האט דאן אויפריכטיג און האר־ציג געזונגען א טרויער־ליד. ס'איז גע־ווען ביי א באנקעט און שווארץ האט ארייגעווארפען־סם אין אלעמענס ווייז־בעכערס. ער האט נעמאנט פארטראכ־טונג. ער האט אנגעוויזען — ער פיהרט אויף טעאטערשטיק פון אידישען לעבען, און ס'איז ניט מעהר אידיש לעבען. ס'איז ניט מעהר אדיש לעבען פון היינט. ער פיהרט אויף שלום עליכם. דער קלא־סישער שילדערער פון אידישען לעבען קריגט גוטען אויסדרוק, קינסטלערישען אויסדרוק, קינסטלערישען אויפשפיל אין זיין, שווארץ'ס, טעאטער. דאס געשיל־דערטע אידישע לעבען איז דאך אבער אידיש לעבען פון יעהופעץ און קאסרי־לעווקע, מנחם מענדיל'ס לעבען, טוביה דעם מילכיגנס לעבען, און דאס איז דאך אזוי ווייט פון אונז, ניו יארקער און שי־קאגא'ר אידען. אן עולם זיצט אין טעא־טער און זעהט פאר זיך פרעמדס. שווארץ האט נעמאנט פון אידישע דראמאטורגען אידיש לעבען פון היינט. ביי דער פאר־זאמלונג פון דער אקטיארען יוניאן האט גוסקין נעמאנט אן אנדער אינהאלט פאר אידישע אמוזירונג. די גאנצע טעאטער־

(נאטיצען פון א בעאבאכטער)

פון ה. לאנג.

פראפעסיע, די אידישע, מאנט עס איצט. די עקאנאמישע נויט פון אידישען טעא־טער מאנט עס. וואס קען זיין דער אפ־רוף? דאכט זיך, ניט מעהר ווי דער ווי־דער־קול פון די מאנענדע שטימען. מען ווייס ניט ווי אנדערש דער אינהאלט זאל זיין. מיר זיינען אין אן איבערגאנגס־דור צו א נייער פארם פאר אידישקייט, צו נייעם אינהאלט אויך. דאס קענטיגע, דאס אבסאלוט כאראקטעריסטישע, איז נאך ניט קלאר. איז דער טעאטער־קרי־זיס גרויס, טיף, שלאגענד. אזוי קינסט־לעריש; פארשטעהט זיך שוין, אז אזוי איז עס אויך געשעפטליך, עקאנאמיש.

**

גוסקין האט וואס פארגעשלאגען. אן אפעל צו אונטערנעמען פון דער גאנ־צער פראפעסיע פארגעשלאגען. דערפאר האט ער די גאנצע פראפעסיע צוזאמענגע־בראכט. ווענען דעם איז נויטיג א ספע־ציעלער ווארט. שוין צוליב שוישפילע־רישע „טרייד יוניאן פסיכאלאגיע" אליין. ארטיסטען זיינען געוועהנליך ניט קיין איבערקלייבער פון מעטאדען אין זייערע באציהונגען צו די „ארבייטס־געבער" זייערע, די טעאטער־דירעקטארען און מע־נעדזשערס. אויב זיי זיינען יא איבער־קלייבעריש, איז צו געפינען וואס נעהנטערען צובונד צו די אונטערנעמער. מ'קען אפשר גאר ניט, אין פארבינדונג מיט דעם, רעדען ווענען זיי אלס א כלל. יעדער ארטיסט איז אן „ארגאניזאציע" פאר זיך און קיינמאל ניט קיין איינהייט־ליכע ארגאניזאציע. היינט איז ער מיט זיין אונטערנעמער איינס, און מארגען זיינען זיי ניט נאר צוויי קלאסען, נאר צוויי באזונדערע וועלטען אפילו. ער איז סוביעקטיוו, דער ארטיסט; און זיין חבר'־שאפט מיט'ן אונטערנעמער, פונקט ווי זיין קריג מיט איהם, איז אימער וואולקא־ניש. איז געווען אינטערעסאנט נאכצו־פאלגען די שטימונגען ביי די אידישע שוישפילער, ווען זיי איז אויסגעקומען צו הערען איבער זייער פראפעסיאנעלער לא־גע פנים אל פנים מיט זייערע בעלי־בתים. א שטארק מערקבארע שטימונג איז גע־ווען — וואס פאר א געמיינשאפטליכען אינטערעס האבען מיר מיט די בעלי־בתים?... די שטימונג איז נאך אויסדריק־ליכער געווארען ווען גוסקין האט אויף פשוט'ען טרייד־לשון פארגעשלאגען, אז איינע פון די נעכסטע ערשיינונגען אין דער פראפעסיע דארף זיין — א „באסעס אסאסיאיישאן". ער האט שוין נעדארפט נעמען א טייטעל אין האנט און קנעלען מיט די שוישפילער טרייד יוניאניזם. ער האט עס געטאן עפעקטפול, דורך ביי־שפילע, דורך פארגלייכונגען.

**

ס'איז געווען אין דער וואך פון דעם מאונט קארמעל קאנגרעס פון דער הארד־טע קוילען־אינדוסטריע, און גוסקין האט געהאט אן ארגומענט אויף די הענט: אין דער פענסילווייניא'ר שטעדטעל מאונט קארמעל איז געווען פארזאמעלט די גאנ־צע מאינינג אינדוסטריע פון די הארטע קוילען־פעלדער: די בארגווערק־אייגענטי־מער און קאמפאני־פארוואלטער, אזוי ווי די געשעפטליכע עלעמענטען און די יוני־אן, און מיט זיי פארשטעהער פון דער שטאטליכער און פעדעראלער רעגירונג אלס פארטרעטער פון גאנצען לאנד. די אינדוסטריע איז א ביליאנענדיגע, אבער איז איצט ביי א קריזיס־ברעג. מען האט געזוכט פלענער ווי אזוי אויסצוברייטען דעם קויף־ און פארקויף־מארקעט פון הארטע קוילען. נאר די מאין־פראבלע־מען זיינען דאך דא ניט וויכטיג. וואס איז וויכטיג, איז די פאזיציע פון דער יוניאן ניט נאר צו זיין א צד ביי א קאנ־פערענץ פון דער אינדוסטריע, נאר צו ווירקען אז די ארבייטס־געבער זאלען זיין אן ארגאניזירטער צד. גוסקין האט דער־מאנט א צווייטע אינדוסטריע — גלאז־ווארג. ער האט איהר ריכטיג כאראק־טעריזירט. מאשינערי־אנטוויקלונג האט געבראכט א לאגע, אז בלויז געצעהלטע ארבייטער האבען געקענט אין דער אינ־דוסטריע בלייבען. עס ווערט אלץ ווע־ניגער נויטיג מענשליכע ארבייטס־קראפט. א בארג פראגען האט זיך צוזאמענגעקלי־בען. דער ערשטער שריט פון דער יוניאן איז געווען צו פארשטארקען די ארגאני־זאציע פון די פאבריקאנטען, און צוזא־מען מיט איהר באשטימען אן אויסוועג פאר אלע פראבלעמען. און צו וואס געהן אין דרויסען פון דער אידישער וועלט? גוסקין האט נעבלעטערט די געשיכטע פון די נאדעל־טריידס, און דער זעלבער רע־זולטאט — וואו די יוניאן האט גענומען אויף זיך פארפליכטונגען פאר דער אינ־דוסטריע, ניט דוקא געזוכט רעכטע אין איהר, איז זי בייגעקומען שוועריגקייטען. אין די אינדוסטריע געריינינגט געווארען פון איבלען.

**

אלזא, אן אסאסיאיישאן פון טעאטער־בעלי־בתים — און וואס דאן? גוסקין האט פלענער פאר דער אסאסיאיישאן. אויף דער ערשטער ליניע — א קאנטרא־לירענדע אויג אויף דער פראפעסיע: זעהן וואו ניוועץ קען פארמידען ווערען און וואו דער „מארקעט" קען פארגרע־סערט ווערען. איז דאס אבסטראקט? ניין. ניוועץ קען פארמידען ווערען דורך געמיינשאפטליכע האנדלונגען פון די בעלי בתים, און פאראן א סך אנווייזונגען פאר דעם. און אויך דער „מארקעט" קען פארגרעסערט ווערען; ס'הייסט, מעהר אידישע טעאטער־געהער קענען געשאפען ווערען, אויב די געמיינשאפטליכע בא־טראכטונג פון דער לאגע וועט זיין א גע־העריגע. א מעהר וויכטיגער פלאן איז די גאנצע פראפעסיע איבערצובויען.

**

ס'קען דאך זיין, אז עס איז אן איבער־פלוס פון אידישע טעאטערע. איצט זיי־נען די שוישפילער פאראינטערעסירט, אז עס זאלען זיין וואס מעהר טעאטערע. א טעאטער מעהר, ווייניגער ארבייטסלאזע. אן אסאסיאיישאן פון טעאטער בעלי־בתים אין א געמיינשאפטליכער האנד־לונג מיט דער יוניאן קען באגרענעצען, פארקלענערען די צאהל טעאטערע, און פון די אויסגעגעבליבענע שוישפילער קענען ארגאניזירט ווערען וואנדערענדע און שטענדיג זיך בייטענדע טרופעס פאר די אידישע שטעדט איבער'ן גאנצען לאנד. איצט איז אין באסטאן, צום ביישפיל, דא א טעאטער, און א קאמפאני שפילט דארט א גאנצען סיזאן. די צאהל אידישע טעא־טער־געהער אין באסטאן איז פראפאר־ציאנעל ניט קיין גרויסע. אזוי אויך, אלס א ביישפיל, דעטראיט. אין אזעלכע שטעדט, און איבער'ן גאנצען לאנד אזוי, קען איין און די זעלבע קאמפאני פאר א גאנצען סיזאן ניט האבען דעם געווינש־טען ערפאלג. כסדר דיזעלבע שטימען, דערזעלבער אויסזעהן און דערזעלבער סארט שפילען שאפען איינטאניגקייט, און דער עולם הויבט אן קומען אין טעא־טער זעלטענער. עס פאדערט זיך דער־פרישונג. דאס קענען שאפען כסדר זיך בייטענדע קאמפאניס. אויף טעאטער־שפראך מיינט עס איינשטעלען א „סירקוט" — די יוניאן, לאמיר זאגען, שטעלט צונויף קאמפאניס און שיקט זיי פאר איין וואך אין איין שטאדט און פאר א צווייטער וואך אין אן אנדער שטאדט, און ווען א קאמפאניע פאהרט אפ פון א שטאדט, שיקט דארטען די יוניאן אויף א וואך ציים אן אנדער קאמפאניע. פאר דעם איז נויטיג די מיטהילף ניט נאר פון די איצטיגע דירעקטארען אין דער פראווינץ, נאר אויך פון די דירעקטארען אין ניו יארק. ווארים, פאר וואנדערענדע שטענ־דיג זיך־בייטענדע טרופעס קען אויסקו־מען, אז מען זאל דארפען אויך „סטארס", אנגאזשירטע אין ניו יארק. דא קומט שוין אריין דער געדאנק — אויב א „סיר־קוט" פון טעאטערע קען לייכט איינגע־שטעלט ווערען פאר דער פראווינץ, קען דאס אויך אויסגעפרובירט ווערען פאר ניו יארק גופא. א שטימונג פאר דעם איז אויך דא. ס'הייסט, אלע טעאטערע זא־לען געהערען צו איין „קארפארעישאן". אבער מאקע ניט מעהר ווי א שטימונג איז פאר דעם דא, און גוסקין וויל נאך מיט א פראפאגאנדא פאר דעם זיך ניט פארנע־מען. אן אסאסיאיישאן פון די טעאטער־מענעדזשערס אין ניו יארק, און א „סיר־קוט", קאאפעראטיוו געפיהרט פון דער יוניאן, פאר דער פראווינץ — דאס אלס אן ערשטער שריט קען שוין אויך ווי־עס־איז פארקלענערען דעם קריזיס.

**

ווייס איך ניט וואס פון די פלענער וועט זיך אויסלאזען. איין אויפטו איז שוין אבער דא אויס'ן האנט — דאס וואס ר. גוסקין האט אוועקגעשטעלט פאר דער עפענטליכקייט די גאנצע לאגע. און די עפענטליכקייט, די אידישע, איז דאך גע־ווים פאראינטערעסירט אין דעם אידישען טעאטער, — וועט זיך איצט זעהן וואו עס איז דער ווילען און די ענערגיע צו העלפען באפעסטיגען אידיש קולטור־לע־בען אין אמעריקא...

מענעדזשער שיקאגאער קלאוק מאנופעקטשורערס אסס'ן געשטארבען.

דאנערשטאג אווענט, 24טען נאוועמ־בער (טענקסגיווינג דעי) האט דער שי־קאגאער קלאוק מארקעט פארלארען אן אמת'ען פריינד. מיסטער מעקס טאביאס, דער מענעדזשער פון דער שיקאגאער דאון־טאון קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, איז געשטארבען נאך אן אפעראציע.

מר. טאביאס איז אלט געווען 54 יאהר און איז געווען פארבונדען מיט דער אסאסיאיישאן זינט איהר געבורט און האט אלעמאל אונערמידליך גע־ארבייט אויפצוהאלטען שלום צווישען דער אסאסיאיישאן און דער יוניאן. זיין אויפריכטיגע ארבייט און האנדלונג האט איהם באליבט געמאכט ביי אלע שיקא־גאער יוניאן מיטגליד'ער, וועלכע בא־דויערען זיין טויט.

ער קערפער פון פארשטארבענעם איז אפגעשיקט געווארען קיין ניו יארק פאר בעערדיגונג, נאכדעם ווי דא איז נעהאלטען געווארען די פיונעראל סויר־ווים.

ביי די פיונעראל סוירוויס איז די שיקאגא דזשאינט באארד געווען אפי־ציעל פארטראטען דורך ב. שייפער, נ. מינץ, דזשאינט באארד טשערמאן, און סעקרעטער מ. ביאליס, מענעדזשער מ. שווארצענבער טשערמאן לאקאל 81 ר. בארנוועץ לאקאל 5, און מאריס ראפא־פארט לאקאל 54.

אונזערע באלעבאטים און די אינדוסטריע

ווערטהער ברודער רעדאקטאר:

איך, אלס קלאוקמאכער שוין אריבער צוואנציג יאהר, און וויסענדיג די אומ־שטענדען פון אונזער אינדוסטריע, קען איך אייך זאגען דאס דער פלאן פון פרעז. זיגמאן איז אויסגעצייכענט. אבער, ווי מיר דוכט, האט ער פארגעסען מיט וועמען און ביי וועמען איהר געהט בעטען, און אז מען בעט, ווייסט איהר דאך, איז דאך ביי זיי די ברירה, און אויב זיי האבען די ברירה, דאן מעגט איהר זיין זיכער אז איהר וועט גארנים קריגען, ווייל ביי זיי שפילט די אינ־דוסטריע אזא ראלע פונקט ווי ביי דעם באד־יונג אין א קליין שטעדטעל אין דער אלטער היים. זיי גיבען ניט קיין שמעק טאבאק פאר דער אינדוסטריע. וואס ווילט איהר זיי איינשמועסען, אז זיי זאלען גלויבען אין אידעאלען.

נא, ברודער זיגמאן, אייער פלאן וועט ניט האבען קיין האפט אזוי לאנג ווי איהר גיט די באלעבאטים ניט עפעס. אה, ווען איהר גיט זיי עפעס! לאמיר זאגען, צום ביישפיל, דעם פונקט דאס די ארבייטער זאלען געבען א העלפט אדער איינגאנצען זייער שאפ עקספענס. לאמיר עס מאכען קלאר. צום ביישפיל, ווען מען זאל געבען דעם באס 2 אדער 3 פראצענט פון די ווייגעדזשעס און ער זאל גאראנטירען 38 אדער 40 וואכען אין יאהר ארבייט און האבען א שאפ פון 50 אדער 75 ארבייטער, דאן לוינט אפילו צו געבען 5 פראצענט, אבער אזוי איז ארויסגעווארפען אייער ארבייט. עס גילט ניט ביי אונזערע באסעס קיינע אידעאלען, אבער נאר געלט... נו, טו רעדט מיט זיי געלט.

אכטונגספאל אייערער
סעם ראזאנסקי, אפערייטאר.

קלוגע ווירטהינס

האלטען אימער אין הויז א באקס

עקס־לאקס

דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע

און פארשפארט זיי דאקטאר ביללס.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

בריף פון וועג

(רייזע נאטיצען, בילדער און באטראכטונגען)
פון פ. דעמביצער.

(דריטער בריף)

עס איז שוין דער נייינטער חודש זייט די קוילען מיינער פון פענסילוועניא האבען פארלאזען די קוילען מינען. דאס זיינען 36 לאנגע פיינפולע וואכען פון העלדענהאפטען קאמף געגען אונטערדריקונג און עקאנאמישע פארשקלאפונג. דאס זיינען העכער פון צוויי הונדערט טעג נויט און הונגער, אבער גלייכצייטיג אויך איבער צוויי הונדערט רייכפולע טעג פון ענטשלאסענעם קלאסענקאמף און העלדישען אויסדויער געגען די קוילען מאגנאטען פון פענסילוועניא.

די רייכע מאגנאטען פון די פענסילווענישער קוילען מינען האבען נאך ווייניג מיליאנען אפגעשפארט פון דעם ארימען מיינערס פראצע, און האבען זיך לעצטען פריהלינג פארמאסטען אראפצודריקען דעם שוין אזוי אויך גענוג קליינעם ארבייטס-לוין פון די מיינער ארבייטער. זיי האבען זיך פארוויגערט צו באנייען דעם אויסגעגאנגענעם אגרימענט, און האבען געוואלט צווינגען די מיינער צו ארבייטען אויף די באדינגונגען פון דעם אגרימענט וואס פון 1917 יאהר. טראץ לאנגע אונטערהאנדלונגען האבען זיך די מאגנאטען ניט געלאזט איבערצייגען, אז עס איז פאר די ארבייטער אוממעגליך זיך אומצוקערען צו די באדינגונגען פון דעם 1917 אגרימענט, ווייל די קויפסקראפט פון דאלאר איז איצט א סך קלענער און אז דאס וואלט אייגענטליך באדייט נישט בלויז צוריקצוגעהן צו די באדינגונגען פון 1917 נאר צו נאך א סך שלעכטערע אומשטענדען. די מיינער זיינען אלזא געצוואונגען געווארען אויפצונעמען דעם פארטיידיגונגס קאמף און האבען אין מאנאט אפריל פארלאזען די מינען.

45 טויזענט ארגאניזירטע מיינער, אונטער דער פיהרונג פון דער יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא, האבען אויף א פרידליכען אופן ארגאניזירט זייער פארטיידיגונגס-קאמף אין דער פארם פון סטרייק, און די קוילען מאגנאטען האבען דערויף געענטפערט מיט ארגאניזירטען גוואלד, אומדערהערטע פארפאלגונגען און אכזריות'דיגע רעפרעסיעס. די קוילען מיליאנערען האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר די נידערטרעכטיגסטע מיטלען אין קאמף געגען די סטרייקערס, און זיי צוהילף איז אויך געקומען די רעגירונג אין פענסילוועניא מיט איהרע באריהמטע „סטייט קאזאקען“.

די מינען אייגענטימער באזיצען זייער אייגענע פאליס, וועלכע איז אזוי טרויעריג באריהמט צווישען די מיינער אלס די „שטאל און אייזען“ פאליס. די „שטאל און אייזען“ פאליס ווערט געשיצט פון די אפיציעלע פאליס, וועלכע איז באקאנט צו די מיינער אונטער דעם נאמען „סטייט קאזאקען“, צוליב זייער אכזריות געגען די סטרייקער. פארשטעהט זיך אז די אפיציעלע סטייט קאזאקען זיינען גלייכצייטיג די אומאפיציעלע היטער פון די מינען אייגענטימער, און געהען האנט אין האנט מיט די „שטאל און אייזען“ פאליס.

די רייכע מאגנאטען איז געלונגען ארויסצובאקומען אינדזשאנקשאנס געגען די סטרייקער. אזוי ווי די ארבייטער לאזען זיך אבער ניט אפשרעקען פון קיין שום אינדזשאנקשאנס און שטעהען ווייטער העלדענהאפט אויף זייערע קאמפס-פאסטען אין דיזען שווערען קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט, געברויכט מען די פארשידענע פאליס ארגאניזאציעס געגען די רוהיגע סטרייקערס.

די „שטאל און אייזען“ פאליס, צוזאמען מיט די „סטייט קאזאקען“ פארדינען זייערע נעמען און ברויכען זיך פאר זייערע מעשים מיט גארנישט ניט צו שעמען געגען די פריהערע צארישע קאזאקען. די פארפאלגונגען געגען די סטרייקערס איבערשטייגען יעדע מעגליכע אכזריות. זיי באפאלען די היימען פון די סטרייקער, טעראריזירען זייערע פאמיליען, באפאלען רוהיגע סטרייקער מיטינגען און פראוואצירען געשלעגען, און פארשטעהט זיך, אז אויך ארעסטען. אזוי, צום ביישפיל, האבען זיי פראוואצירט אן ארעסט פון 23 מיינער אויף א מיטינג פון די סטרייקער, ווען זיי האבען פראטעסטירט געגען די פאראורטיילונג פון סאקא און וואנזעטי. די „שטאל און אייזען“ פאליס, וועלכע האט שפיאנירט דיזען מיטינג, האט גלייך ארויסגערופען די סטייט פאליס צו דיזען מיטינג, וואו עס איז געקומען צו שלעגערייען און 23 מיינער זיינען ארעסטירט געווארען און שמאכטען נאך ביז דעם היינטיגען טאג אין פריזאן. עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר די [illegible]

די אפיציעלע סטייט קאזאקען זיינען געקומען צום מיטינג אויף טראקס, וואס געהערען צו קוילען מאגנאטען. ווען די אינדזשאנקשאנס און אלע אנדערע פארפאלגונגען האבען ניט באוויזען צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון די העלדישע מיינער, האבען זיך די קוילען אייגענטימער אפילו נישט אפגעשראקען צו געברויכען די בארבארישסטע מיטלען געגען די סטרייקער אבי זיי נאר צו צווינגען זיך אונטערצוגעבען דעם ווילען און דיקטאט פון די קאפיטאליסטישע בלוטהינט.

די הייזער, אין וועלכע די ארבייטער וואוינען, געהערען צו די מינען באזיצער און כדי צו ענטמוטיגען די סטרייקער, האבען זיי גענומען פארפען די מיינער און זייערע פרויען און קינדער פון די היימען. די ארבייטער לאיערס האבען געמאכט אן אפיל אין קאורט און דערווייל איינגעלייגט סעקיוריטי פאר די רענט. די באלעבאטים אבער האבען קיין צייט צו ווארטען ביז דער קאורט וועט ענטשיידען די קייס און זיי האבען אנגעהויבען רייסען די רופס פון זייערע אייגענע הייזער, אפצושטעלען דאס וואסער, פארראבען די גאז און עלעקטריק, כדי די ארבייטער צו פארטרייבען פון די הייזער און אזוי ארום ברעכען זייער ווידערשטאנד.

דורך דיזען וואנדאליזם איז זיי אויך געלונגען צו פארטרייבען טויזענדער ארבייטער פון די היימען. די היימלאזגעווארענע מיינער סטרייקערס, צוזאמען מיט זייערע פאמיליען, זיינען אבער אומבאזיגבאר און זיי קאן מען אזוי שנעל נישט ברעכען. און פונקט אזוי ווי די אמאליגע אידען אין מדבר, האבען די מיינער זיך אויסגעבויט באראקען און האפען דארט, מיט דעם אומגעבראכענעם מוט און גלויבען, אז זייער קאמף מוז געוואונען ווערען. אבער אויך די באראקען זיינען נישט אזוי לייכט אנגעקומען ווי דאס שרייבט זיך, און דאס נישט צוליב פינאנציעלע שוועריגקייטען, נאר צוליב דעם וואס די פעלדער ארום די מיינער היימען אין דעם קוילען דיסטריקט געהערען מייסטענס צו מעלאנ'ען, און ער האט עס דיזע פעלדער נישט געוואלט פארדינגען צו אזא פארברעכערישען צוועק ווי פאר צו באהאלטען קליינע קינדער און אומשולדיגע פרויען. און עס האט געקאסט א סך מיה ביז מען האט באקומען פרייע פעלד פאר די באראקען אין וועלכע סטרייקענדע מיינער פארבאהאלטען זיך און זייערע פאמיליען אין צייט פון קאמף און אומענשליכע פארפאלגונגען.

דאס אלעס וועט אבער נישט העלפען, און די סטרייקער זיינען אנטשלאסען אונטער אלע אומשטענדען זייער העלדישען קאמף צו פיהרען ביז צום ענדגילטיגען זיג. אזוי האט מיר פארזיכערט ברודער פאגין, דער פרעזידענט פון דיסטריקט 5 פון די יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא. יעדע פארפאלגונג געגען די סטרייקער, האט ער מיר פארזיכערט, שטייגט בלויז דעם קאמפס-גייסט און קאמפס-אנטשלאסענהייט פון די סטרייקערס. קיין שום אינדזשאנקשאן קאן זיי אפשטעלען צו פיקעטען, קיין שום פאליס קאן זיי ניט צווינגען זייער גערעכטען קאמף אויפצוגעבען, און אויך די ביטערע היימלאזיגקייט וועט נישט ברעכען זייער ווילען אין קאמף מיט דעם בלוטדורשטיגען קאפיטאל. און ווער עס האט געזעהן די סטרייקענדע מיינער אויף די קוילען פעלדער אין פענסילוועניא, ווער עס האט געזעהן די פרויען און קליינע קינדער, ווי זיי ליגען אין די באראקען, און טראץ חדשים לאנגען נויט און ליידען און גרויזאמע פארפאלגונגען, האבען נאך אזוי פיל גלויבען און פארטרויען צו זייער קאמף, מוז מסכים זיין מיט פאגינ'ען, אז אזעלכע עלעמענטען קאן מען מיט צוואנגס-מיטלען ניט באקעמפען. און אז מען קאן דאס נישט טאן, באווייזט דער זעהר ערמוטיגענדער פאקט, דאס טראץ דיזע אלע גרויזאמקייטען, שטעהען די 45 טויזענט מיינער שוין דעם נייינטען חודש ווי שטאהל און אייזען אין קאמף און כמעט ווי אהן א סטרייק ברעכער. דער סטרייק האט אפגעקאסט ביז איצט א מיליאן דאלאר, און קיינער אין דער ארבייטער באוועגונג איז ביז איצט נים באלעסטיגט געווארען. די מיינער יוניאן האט אליין געטראגען די גאנצע הילף, און דער סטרייק וואלט שוין אויך מיט זיכערהייט געוואונען געווארען, ווען נים די פילע טויזענדער סקעבס. יא, די מיינער האבען כמעט קיין סקעבס צווישען זייערע אייגענע מיטגלידער. עס זיינען אבער פאראן אימפארטירטע סקעבס, סקעבס פון די מעקסיקאנער גרעניץ-פלעצער און נעגער סקעבס פון דער סאוט.

און ווי שענדליך ווערען דיזע סקעבס אויסגענוצט פון זייערע באלעבאטים? [illegible] ארבייטען זיינען זיי אויך

די באדינגונגען פון דעם אגרימענט אין 1917, און זייט דאמאלסט האט מען זיי שוין דריי מאל געשניטען פון די וויידזשעס. און ערשט לעצטע וואך זיינען די קוילען מאגנאטען אזוי גרויסהארציג געווארען און ערקלערט צו די סקעבס, אז דיזען יאהר וועט מען שוין מעהר די וויידזשעס נים שניידען! עס איז, אלזא, גאר קיין וואונדער, וואס די קוילען גרובען באזיצער ווענדען אן אלע געמיינהייטען און נידערטרעכטיגקייטען געגען די בראווע סטרייקער, און ווילען זיי מיט אלע מיטלען צווינגען צו ווערן אן אביעקט פון אויסבייטונג, האבענדיג דערצו די שטיצע פון די קארופטע פאליטישע סטייט מאשין, פון דער פאליס, און אויך סקעבס אין א גרויסער צאהל. און פונדעסטוועגען זיינען די מיינער זיכער אז זיי וועלען סוף כל סוף זיגען. די מיטעל, מיט וועלכע די פלוטאקראטען אין פענסילוועניא באנוצען זיך געגען די סטרייקער, זיינען אבסאלוט פאליטישע מיטלען.

די אינדזשאנקשאן פון די קאורטס, דאס ערלויבניש אויף אן אייגענע פאליציי, די ענטשיידונגען אין די קאורטס אין דער פראגע פון די ארבייטערס היימען, באווייזען, אז די פאליטישע מאשין דינט אויסשליסליך די אינטערעסען פון קאפיטאל געגען ארבייט. דאס האט איינגעזעהען די אמעריקען פעדערייש אוו לייבאר און איז באריים ענדליך צו געבען א פאליטישען ענטפער. זי רופט צו דיזען צוועק א פאליטישע קאנפערענץ, וועלכע זאל געפינען א געהעריגען ענטפער אויף די פאליטישע שיקאנען געגען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. דיזע קאנפערענץ האט א סך א גרעסערע באדייטונג ווי בלויז א קאמפס באדייטונג אין דיזען סטרייק. זי אנערקענט מיט דיזען פאקט דעם גרויסען באדייט פון פאליטישען קלאסען-קאמף, און ווען זי איז פאראינטערעסירט — אין וואס מיר צווייפלען בשום אופן נישט — אין א ערפאלגרייכען ענטפער וועט זי איהם בלויז קאנען געפינען אין א זעלבסטשטענדיגער ארבייטער פאליטיק. די קאנפערענץ וועט זיך אויך באשעפטיגען מיט דער פינאנציעלער זייט פון סטרייק. ווי שוין באמערקט, האט זיך די מיינער ארגאניזאציע ביז איצט נישט געווענדט צו קיינעם ווענען הילף, און אליין געספענדט א מיליאן דאלאר. איצט מוז זי אבער אנקומען צו דער גאנצער ארבייטערשאפט פון אמעריקא, און מיר זיינען זיכער דאס דיזע קאנפערענץ וועט מיט ערפאלג דיזע הילף ארגאניזירען.

יעדער ארבייטער אין לאנד איז פאראינטערעסירט, אז דיזע קאנפערענץ זאל אין יעדער באציהונג זיין אן ערפאלג. ווי געזאגט, האט די קאנפערענץ נישט בלויז א וויכטיגע באדייטונג פאר די בראווע מיינער אין פענסילוועניא, נאר אויך א גרויסע פאליטישע באדייטונג פאר אלע ארבייטער אין דיזען לאנד. דער העלדישער סטרייק אין פענסילוועניא איז א פאסענדע געלעגענהייט דערצו. זאל דער נאבעלער גייסט פון דעם סטרייק דינען אלס סימבאל פאר דעם אנהויב פון א זעלבסשטענדיגער ארבייטער פאליטיק אין די פאראייניגטע שטאאטען.

קלאוקמאכער, שעפער פאנגען אן אריינשיקען זייערע זאמלונגען פאר דעם האיאס קאמפיין.

ווינשטיין און מאגידאף	$25.00
קאהען, באקסער און חעלער	5.00
מאלאמער און פייגענבאום	18.00
סאלאמאן און גאלדשטיין	5.00
פלארשעימער	1.00
מ. און פ. דרעסעס	5.00
גרינבערג און פריעדמאן	4.00
רובי דרעסס קאמ.	16.00
קאסמאס קאסטום	8.00
צוקערמאן און האצמאן	25.00
פלאוויא קלאוק קא.	3.00
שארען בראס.	15.00
רובין און שאפירא	9.00
איזמאן און בערנשטיין	19.00
סילוואנעטטע דרעס קא.	3.00
אלעקסאנדער און סמיטה	7.00
וועל מאיד דרעס קא.	10.00
סופער ארט דרעס קא.	8.00
מ. סאדאווסקי	12.00
קאפיטאל דרעס קא.	10.00
ק. און מ. דרעס קא.	4.00
לואיס קאהען	20.00
ספערלינג און ליפקינד	18.00
לואיס לוסטיג	4.00
שאנבערג, דיימאנד און סילווערמאן	25.00
לעין קאסטום קא.	7.00
ראזענבערג בראס.	15.00
י. קאמענסקי	19.00
ווארשאו בראס.	4.00
קאמינסקי, פירער און נערענבניק	6.00
וויליאם בלום	25.00
בערסמאן און זוסמאן	17.00
ווינעגראד און קאיעי	7.00
י. אדלער	10.00
גודמאן און בראדאק	5.00
סופעריאר קלאוק קא.	25.00
ווינשטיין און סאן	25.00
קאהען און ווינבערג	17.47
זעלקין און יאבלאן	2.00
וואסערמאן, זאלצבערג און גינזבערג	11.00
נאוועמבער און פאסטערנאק	39.00
בראנד און גאלדשטיין	8.00
בענ. ליוויי און סאן	3.00
ליבערמאן און הארוויץ	5.00
גינזבורג און לעססער	5.00
י. ווינשטיין	14.00
מ. און מ. קלאוק	6.00
צוזאמען	$547.47

די אלע דערמאנטע געלדער זיינען געזאמעלט געווארען דורכ'ן אפיס פון דזשאינט באארד און מיט דער הילף און מיטווירקונג פון די באאמטע פון דזשאינט באארד.

דער רעפארטער פרעגט דעם „רעסטלער“

— וואסער סיגארעט סמוקסטו?

— מיוראד, ענטפערט דער „רעסטלער“.

— ווארום עפעס מיוראד?

— מיוראד וועט אויסציהען א געגנער אויפ'ן פלאר אין אירגענד וועלכען „קאנטעסט“. מיוראד האט עפעס אזעלכעס וואס קיין אנדער סיגארעט האט נים; גלאט, ווי אן אלטער וויין, מיט א באזונדערען אנגענעהמען אראמאט. איך האב נאך קיינמאל נים פארזוכט א געשמאקערען סיגארעט אין מיין לעבען.

וועכענטליכער בילדונגס קאלענדאר

וואשינגטאן אירווינג היי סקול, רום 530, שבת דעצעמבער דעם 3טען, 1.30 נאכמיטאג.

א. ז. מאסטע: „דער ארבייטער אין דער מאדערנער געזעלשאפט“ — א קורס פון 10 לעקציעס, וואס וועט פארטגעזעצט ווערען וועכענטליך.

זונטאג, דעצעמבער דעם 4טען 11 פרי.

דר. נ. ב. פאגין: וועגען צייטוויילינער אמעריקאנער ליטעראטור. — א קורס פון 10 לעסאנס.

דר. ה. ז. קארמען וועט געבען א קורס פון לעקציעס וועגען דעם פראגרעס פון „אמעריקאנער ציוויליזאציע“, באגרינדעט אויף דעם בוך פון טשארלס און מערי ביערד. צייט און פלאץ וועלען שפעטער אנאנסירט ווערען.

שבת, דעם 3טען דעצעמבער, אין דעם אינטערנעשאנעל אודיטאריום, 3 וועסט 16טע סטריט.

8 אזייגער אין אווענט — טאנץ און היימיש געזעלשאפטליכע פארברענגונג פון די וויים גודס מעמבערס, לאקאל 62.

איינטריט ערלויבניש בלויז דורך טיקעטס. — צו באקומען אין אפיס פון לאקאל 62, 117 סעקאנד עווענו.

פארגעסט נים די יוניטי הויז רי-יוניאן טאנץ, שבת דעצעמבער דעם 10טען, אין מאנהעטען אפערא הויז באל רום.

פאול וויטמאנ'ס פיקאדילי שפילערס. טיקעטס בלויז 1 דאלער. — צו באקומען אין דעם עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

שבת, דעצעמבער דעם 17טען.

קאנצערט און א גרופע זינגערס, 4.30 נאכמיטאג, אין די בראנקס פ. ס. 54, פרימען סטריט און אינטערוויל עווענו. פריי צו מעמבערס און זייערע פאמיליען פון די אינטערנעשאנעל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

עדיוקיישאנעל פראגראם אין קליוולאנד, 207 סופיריאר בילדינג.

מאנטאג, 6.30. — פראפעסאר קאלטאן — „היסטארי פון דער ארבייטער באוועגונג.“

מאנטאג, פון 8 ביז 9.30 אווענט — מר. האטנער, פאלקס רעדעס.

מיטוואך, פון 7 ביז 9 אווענט — דר. עלייעס. — [illegible]

קלאוק אפערייטארס

פון לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מיטגלידער זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען פאר בעאמטע פון אונזער לאקאל פאר דעם יאהר 1928:

פאר מענעדזשער סעקרעטער

פריעד, ה.	האראוויטש	מיללער	צוקערמאן, ר.
אשפיז, מ. י.	הײנס, נ.	מיללער, דזש.	קאפלאן, ב.
בלום, וום.	טשענסער, ה.	מעטין, ס.	קאפלאן, בענדזש.
גאלדשטיין, ל.	ליוויי, ל.	סטווירלינג, מ.	קורינסקי, פה.
גוטערסאן, י.	לעווענטהאל, מ.	סטודענט, א.	קרייטצער, פה.
דייטש, י.	מאזער, ב.	פיינבערג, מ.	שטיינבערג
			שלעזינגער, ב.

פאר ביזנעס אײדזשענטס

אלשעווער, מ.	הערשקאוויטש	סטווירן, דזש.	פריעדמאן, דזש.
אשפיז, מ. י.	וואגמאן, א.	סטווירן, מ.	קאהען, ל.
בלום, וום.	ווייסבלאט, י.	סמיטה, ד.	קאהען, ס.
בראמקאפסקי, י.	טשענסער, ה.	סניידער, דזש.	קאופמאן, פה.
ברעס, מ.	ליוויי, ל.	פיגאוויטש	קאפלאן, ב.
גאלדבערג, ל.	מאזער, ב.	פייגין, ס.	קאפלאן, בענדזש.
גאלדשטיין, ל.	מיללער, דזש.	פיינבערג, מ.	קיססין
גאלוב, ב.	נאגאשינער, א.	פייערשטיין, ה.	קרייטצער, פה.
גוטערסאן, י.	נעש, מש.	פינק, י.	ראזענצווייג, ל.
דייווידסאן	סאוויטצקי	פריעד, ה.	שוסטערמאן, ה.
הײנס, נ.	סטאנקעוויטש		

פאר טשערמאן פון לאקאל

בעלסאן	הײנס, נ.	סטווירלינג, מ.	קרייטצער, פה.
ברעס, מ.	הילער, מ.	סמיטה, ד.	ראזענאוויטש, ל.
גאלדבערג	ליוויי, ל.	צוקערמאן, ר.	ראשוואלד, מ.
גוטערסאן, י.	לעווענטהאל, מ.	קאפלאן, ב.	רודין, ס.
דינערשטיין	סטאנקעוויטש	קאפלאן, בענדזש.	שוסטערמאן, ה.

פאר עקזעקוטיווע באארד דעלעגאטען

אטמאן		לענס, נ.	צוקערמאן, ר.
אייבראמסאן, א.	דייטש, י.	מאגולעסקא	צוויקעל
איידענלאנד, ה.	דיוווים	מאטעל	קאהען, ד.
אייזענבערג	דינערשטיין, ל.	מאלקין	קאהען, ה.
אינגבער, ה.	האראוויטש, י.	מאסקאוויטש	קאהען, דזש.
אקערמאן	הילער	מארגאליס	קאהען, י.
ארזיטצער, ס.	הימעלשטיין, פ.	מארקאוויטש	קאופמאן, פה.
באגגא, מ.	העכט, מ.	מיללער, ב.	קאמין, ה.
בארנעט, דזש.	העקעל, ב.	מיללער, ה.	קאמין, פה.
בלאק, י.	הערשקאוויטש	נאדלער	קאלקאווסקי
בלום, וום.	וואגנער, ה.	נאגאשינער, א.	קאנטאר
בלייפער	וואכטעל, י.	סאבעל	קאנטאראוויטש
בעלזער, י.	וויינשטיין, דזש.	סאוויטצקי	קאסמאן
בעקער, ל.	ווייסבלאט, י.	סאסנא	קאפלאן, ב.
בערגער	ווילסאן, מ.	סילווערשטיין, ד.	קאפלאן, בענדזש.
בערלינער, ל.	וויסאטצקי	סילווערשטיין, דזש.	קולאקאף
בראון	וויענער	שווארטץ	קופער י.
בראמאפסקי, י.	וועכטער	סלאווניק	קורינסקי, פה.
ברעס, מ.	זאלמאנאוויטש	סמיטה, ד.	קיססין
בראפשטיין	טארלאו, י.	סטודענט, א.	קירשענבוים
גאלבום, ה.	טשאלקין	סטווירן, מ.	קלאטש, ה.
גאלד, י.	טשייקין, ס.	סטווירן, דזש.	קלינגער
גאלדבערג, י.	טשענסער, ה.	סענדערס	קעסטין
גאלדשטיין	יאקאבאוויטש	עדעלסאן, ד.	קראן
גאזמאן	לאפידוס, ב.	פאלינסקי	קרייטצער, פה.
גארדאן, ל.	לאפידוס, ה.	פוכאוויטצקי	קריגער
גארדאן, ס.	ליוויי, ד.	פעלדמאן	ראזענאוויטש, ל.
גאלוב, ב.	ליוויי, ל.	פעקערמאן	ראזענטהאל, פ.
גארפינקעל	ליוויי, ס.	פראבשטיין	ראפאפארט, פ.
גודמאן, א.	ליבער	פארבער, ל.	ראשוואלד, מ.
גוטערסאן, י.	ליבערמאן	פיגאוויטש	רובין
גלאנטץ	לעווין	פיינבערג, מ.	רובין, דזש.
געללער	לעווינסאן, ד.	פיינמאן, י.	רובין, פ.
גרעללער, ל.	לעווינסאן, י.	פיינשטיין	רודין, ס.
דאלינקא, מ.	לעווענטהאל	פייערשטיין, ה.	רעזניק, ס.
דזשייקאבס	לעווענקאף, ב.	פריעדמאן, דזש.	שניטצער.

מעמבערס וועלכע האבען אבדזשעקשאנס געגען אירגענד וועמען פון די אויבענדערמאנטע קאנדידאטען זיינען געבעטען עס פארצוברענגען פאר דער „עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע“, וועלכע מיטעט שבת, דעם 3טען דעצעמבער, 10 אוהר פריה; און מאנטאג און מיטוואך אווענט, דעם 5טען און 6טען דעצעמבער, גלייך נאך דער ארבייט, אין לאקאל אפיס, 130 איסט 25טע סטריט.

אלע קאנדידאטען מוזען אויך ערשיינען פאר דער קאמיטע זאנסט וועלען זייערע נעמען ניט ארויפגעשטעלט ווערען אויף דעם באלאט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י.

ר. צוקערמאן, טשערמאן. ה. פריעד, סעקרעטער.

לערנט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

און מענ׳ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און לידים פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנט צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר גארמענטס און מענ׳ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערווייטערט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א בעלדינג שטעלע און גוטע הייזערס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

...

טאג און אווענט קלאססען.

...

פרייע רעגיסטרירונג אין אונזער סקוהל.

...

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 6970.

דער אפען פארום פון לאקאל 20 קאנדידאטען

(שלוס פון זייט 3)

ברודער וויינגארד, דער איצטיגער קאנדידאט פאר סעקרעטער, האט געהאלטען א קורצע אבער איינדרוקספולע רעדע. ער האט גערעדט געלאסען און צו דער זאך.

ברודער גינגאלד, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און איצטיגער קאנדידאט פאר מענעדזשער פון לאקאל 20, האט אין זיין רעדע קריטיקירט אלע רעדנער. ער האט אנגעוויזען, ווי מען דארף זיך באציהען צו דער זאך, אין וועלכער די מעמבערס זיינען פאראינטערעסירט, און דאס איז ווענען די קאנדישאנס אין די שעפער. ער האט אזוי געזאגט:

„איך דענק, אז כמעט אלע רעדנער זיינען ארונטער פון די טרעקס. די פראגע דארף זיין דער טרייד און ווי אזוי אויפצוהאלטען די קאנדישאנס אין די שעפער. איך בין אנגעשטעלט אין דער יוניאן צו זארגען פאר די קאנדישאנס און איך וואלט געווען א פארברעכער און א דעמאגאג ווען איך זאל געווען קומען צו אייך מיט דעם פארלאנג פון מיינע געגנער און אייך הייסען סטרייקען, אין דער צייט ווען דער סטרייק איז ניט געווען קיין נויטיגקייט און האט געקאנט רואינירען אייערע קאנדישאנס אין די שעפער“.

אלס באווייז אז זיין פאליסי אין דער יוניאן ביז איצט איז געווען א ריכטיגע, האט גינגאלד אין ברייטע שטריכען אנגעוויזען אויף דעם ערפאלג פון דער אדמיניסטראציע די לעצטע צייט און די אנטוויקלונג פונ׳ם טרייד פאר די לעצטע 2 יאהר. גינגאלד האט זיך אויך גלענצענד אפגעשטעלט אויף דער געפאהר פון די אוט אוו טאון שעפער, וואס לויערט אויף דער יוניאן. דאס, האט ער געזאגט, דארף מען אין זינען האבען מעהר פון אלעס.

„מיינע געגנער שרייען, אז מען האט נעדארפט א קאמף. און איך ענטפער אויף דעם, דאס אויב מען קען אויסמיידען א קאמף און מיר זאלען געווינען דערפון, דארף מען אויסמיידען א קאמף.

„איך וועל דעם צווייטען יאהר האנדלען פונקט ווי איך האב געהאנדעלט לעצטען יאהר. די מעמבערס מעג זיך אויסווייזען, אז זיי וועלען מאמענטאל ליידען דערפון, אויב אבער די אלגעמיינע אינטערעסען וועלען דאס פאדערען, וועל איך זיך רעכענען מיט די אלגעמיינע אינטערעסען און מיט די רעזולטאטען וואס דאס וועט ברענגען פאר דער צוקונפט. מיר מוזען אין יעדען פרט האנדלען אזוי עקאנאמיש, אז אונזערע מעמבערס זאלען פראפיטירען פון דער יוניאן און אויפהאלטען דעם טרייד אין ניו יארק“.

גינגאלד האט געבראכט פאקטען נאך פאקטען פון שעפער, ווי אזוי זיין פארליסי איז געוועזען אן אויסנאהמע פאר די מעמבערס, און די מעמבערס האבען געשטיצט זיין מיינונג ווערען א ביסעל שטארקער. ער האט געזאגט, אז ער וועט זאגען דעם אמת, אז צו אויפהאלטען די יוניאן איז ער גרייט צו ארבייטען אין שעפער, אז די אויסנאהמע פון מעמבערס זאלען האבען אבער מער. די יוניאן מוז זיין אלע מעמבערס פון ערשטען ביז צום לעצטען. ... אויסנאהמע ... וואו די פעלער זיינען ... פאר ... מעמבערס ... פון ... לאקאל 20, אבער ... אז ... ויט ... אויסצוהאלטען ... פאר ... אין ... געווען ... אויסנאהמע ... און ... אלע ... זיין ... גינגאלד, ... אויסנאהמע ... ליסי איז געווען אן אויסנעהאלטענע און א גוטע פאר די אינטערעסען פון די מעמבערס, און די מעמבערס האבען אויף זיין רעדע געענטפערט מיט א שטארקען אפלאוז.

ס׳האט אויך גערעדט ברודער ווייסלבערג. ער האט אנגעוויזען, אז דער אפען פארום איז א ביסעל צו פערזענליכע באליידיגונגען. אבער טראץ אלעם קען מען זאגען, אז דער אפען פארום איז געווען שעהן ארגאניזירט און שעהן דורכגעפיהרט, און מען קען דאס אנרופען א געוויסע רעפארם, א נייעס אין דער הינער טרייד יוניאן באוועגונג.

לאקאל 38 מעמבערס, אויפמערקזאם!

דינסטאג, דעם 6טען דעצעמבער, וועט אפגעהאלטען ווערען א מיטינג פון לאקאל, אין הארלעם פאשעליסט עדיר קיישאנעל סענטער, 62 איסט 106טע סט.

עס וועלען פארקומען וואהלען פאר א מעמבער צו דער עקזעקוטיוו באארד. עס איז דעריבער די פליכט פון אלע מעמבערס אנוועזענד צו זיין אויף דעם מיטינג.

עס וועלען אויך צייטוויליג אויפגענומען ווערען פראגען ווענען לאקאל, אין וועלכע די מעמבערס זיינען זיכער פאראינטערעסירט.

קומט אין מאסען!

לערנט זיך צוצושניידען פעטערנס

לערנט דעזיינינג, קאפיאינג, פעטערן-מייקינג, גריידינג, דרעסעס, קלאוקס, פארס, אויך קינדער קלאדינג. קורסען צו רעדוצירטע פרייזען יעצט.

STANDARD DESIGNING AND CUTTING SCHOOL

154—4th Ave., cor. 14th. Algonquin 3277

די אידישע אגריקולטור (בארון הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויף קינפטע ווענט פארמערי און די זיך אויף באזעצען פון שווינדלערס, ווען זייער קויפט אייער פארם.

ניט קיינע רעפרעזענטאנטען פון זייער ... זיך מיט אונז.

... קומט צו אונזער ...

... פון 9 ביז 5 ... זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St., New York City

ווייסט איהר, ווי עס האט אך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלע ... ווערען.

פרעסער פון קלאוקס

זאגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט נעמאכט א געזעץ, דאס קיין וויייער-ברעטלאך טאר ניט ווערען צוגעשלאגען אויף האלץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען. עס מוז זיין דורכאויס פייער-פרוף.

מיר האבען אויפגעפיקסט אונזערע וויייער-ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט פלאש און בעליוויע ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט. אויב איהר האט אין שאפ די אלטע סטיילס, וועלכע זיינען צוגעשלאגען אויף האלץ, קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט ניט האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פארקויפען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר-דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פינקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבאארד קאמפאני

321 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 6650 און 6651

קאונטרי ארדערס ריכטיג אטענדעט.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, אינווייניגסטער זויל, אדער אויף דעם ליינינג פון שוך. מיר בעטען אייך ניט צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אט דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

בוט און שוה ווארקערס יוניאן

אפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר

246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאליס לאוולי, גענעראל-פרעזידענט. טשארלס ל. בעין, גענעראל סעקרעטאר-טרעזשורער.

די עפידעמיע פון אינדזשאנקשאנס

(שלוס פון זייט 7)

וועגען דיזעלבע פראגען ווי אין דער בערפארדער קייס. מיט א צייט צוריק האט דער דאזיגער יונייטעד סטייטס דיסטריקט קאורט צוויי מאל גע'פסק'ענט געגען די באסעס. אין באסטאן האט א סטייט קאורט פאר'משפט די יוניאן פון די „מילך וואגען דרייווערס“ צו „באַ־צאהלען שאדען־ערזאץ פון איבער 60 טויזענט דאלאר צום באס, וועלכער האט כלומרשט געליטען פון דעם סטרייק און באיקאט, וועלכע די יוניאן האט ארגאני־זירט.

נאטירליך, האבען די מאינערס אמ־שטארקסטען געליטען פון דער נייער אינדזשאנקשאן עפידעמיע. א העכערער געריכט אין וועסט ווירדזשיניא האט לעצטענס גוטגעהייסען פאר איין מאל צוועלף שארפע אינדזשאנקשאנס געגען דער „יונייטעד מאין וואירקערס“, וועל־כע האבען געהאט זייערע ווארצלען אין דעם קוילען סטרייק פון יאהר 1922. זיי זיינען שוין ביי פארשיידענע געלעגענ־הייטען פארגעבראכט געווארען, אין די לעצטע יאהרען, פאר דעם דאזיגען גע־ריכט, אבער ערשט איצט איז די גזרה גע'חתמ'עט געווארען כדין וכדת.

אין ניו יארק סיטי האט איין פע־דעראלער ריכטער, דעם היינטיגען זור־מער, ארויסגעגעבען א פערמאנענטע אינ־דזשאנקשאן צו פארווערען די ארבייטער פון דער „אינטערבארא רעפיד טרענזיט קאמפאני“ זיך אנצושליסען צו דער „אמאלגאמייטעד אסאסיאיישאן אוו סטריט ענד עלעקטריק רעילוועי עמפ־לאאיס“. די קעיס פון דיזע ארבייטער איז נאך ווייט ניט אפגעשלאסען, און איהר ענטוויקלונג ציהט גרויס אויפ־מערקזאמקייט אין דער ארבייטער וועלט איבער'ן לאנד.

אט אזוי זעהט מען איצט, אז דער גאנצער פיל־געלויבטער קלייטאן עקט, און די אנטי־אינדזשאנקשאן געזעצען, וועלכע אייניגע סטייטס האבען אנגענו־מען, זיינען פאקטיש ווערטלאז און נעב־לאז. ברייטע רעפארמען, וואס וועלען אויסווארצלען די הפקר סיסטעם פון אר־מיניסטראטיווע דעקרעטען דורך די ריכ־טער, זיינען דער איינציגער אויסוועג פון דעם קריזיס. דאס איז איצט דער טיפ־סטער באוואוסטזיין ביי די פאראנט־"ווארטליכע ארבייטער פיהרער.

די אינדזשאנקשאן פראגע איז נאך גאנץ ווייט פון א לייזונג, און זי שטעלט מיט זיך פאר דעם וויכטיגסטען געזעל־שאפטליכען פראבלעם, וואס שטעהט פאר דעם לאנד.

איראן פריפעראטארי סקול
185־7 איסט בראדוויי
טעל. ארטשארד 4473
דזש. ע. איראן, פרינצ.
1. ענגליש
2. רידזשענטס
3. קאלעדזש רידזשענטס
4. ביזנעס בילדונג
די בעסטע לעהרער און פערזענליכע לעהרונג פאר 27 יאהר.
מעסיגע לעהרע קאסטען
קלאסען בייטאג און ביינאכט
קאטאלאג פריי צוגעשיקט.

א קאלטער שוידער
איז א געפאהר צייכען
עס קען מיינען א פארקיהלונג און א פארקיה־לונג קען מיינען די גריפ אדער פלו. טהוט עפעס זאפארט! נעהמט הילל'ס קאסקארא בראמייד קווינין און ברעכט א פארקיהלונג אין איין טאג. הילל'ס ווירקט שנעל, ווייל עס טהוט די פיער נויטיגע זאכען מיט אמאל. אין דער רויטער באקס, אין דראג סטאר, 30ס.
HILL'S
Cascara - Bromide - Quinine

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט פיל עלן בעקענט ווערען.

הארלעם באנק און קאמערס
2118 — 2טע עוועניו, ניו יארק
טעלעפאן לעהיי 3800־1־2־8.
ברענטש: 431 — 3טע עוו., נ. י.
טעלעפאן לעקסינגטאן 8055
די ארבייטער באנק פאר'ן ארבייטער
אלע בענקינג אפעראציעס
4½%
מאני ארדערס, קרעדיט־בריוו, דראפטס, שיפס־קארטען, נאטארי פאבליק, סייף־דעפאזיט, וואלטס
אנגעשלאסען אן דער
אטלאנטיק סטייט באנק
594 אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין.
ברענטשעס: 182 גרייהעם עוו., ברוקלין
108טע סט., קאר. 1טע עוועניו, נ. י.

Camel

דער סיגארעט וואס האט געוואונען דעם ערשטען פלאץ צוליעב זיין קוואליטעט

די גרעסטע אנערקענונג, וואס איז ווען עס איז גע־געבען געווארען צו א סיגארעט, ווערט באוויזען אין דעם פאקט, וואס די רעגירונגס ציפערן צייגען אז מעהר קעמעלס ווערען היינט גערויכערט ווי ווען עס איז פריהער. אן אינדארסירונג פון פילע — ניט פון ווייניגע מענשען.

ווען אלע סיגארעטען וואלטען געווען אזוי גוט ווי קעמעל, וואלט איהר ניט געדארפט הערען וועגען קיין ספעציעלע מיטלען צו מאכען זיי אונשעדליך פאר'ן האלז. קיין זאך קען ניט פארנעהמען דאס ארט פון אויסערוועהלטע טאבאק־סארטען.

© 1937, R. J. Reynolds Tobacco Company, Winston-Salem, N. C.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייני־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 49. New York, Friday, December 9, 1927 פרייטאג, 9טער דעצעמבער, 1927 PRICE 3 CENTS

פרעז. זיגמאן דערצעהלט די געווערקשאפטען ווי אזוי דער גרויסער קאמף איז געוואונען געווארען

אינטערנעשאנאל וועט קומען צום נעקסטען קאנווענשאן מיט א שטאלץ־אויפגעהויבענעם קאפ, ערקלערט זיגמאן. — ער דאנקט די גאנצע ארבייטער באוועגונג פאר דער מאראלער און פינאנציעלער שטיצע. — „ווען מען באפאלט זיגמאנ׳ען מיינט עס אז מען באפאלט די גאנצע אידישע ארבייטער באוועגונג", זאגט האכמאן. — דעלעגאטען באגלייטען די רעדנער מיט שטורעמדיגע אפלאדיסמענטען.

דער מיטינג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון מאנטאג, דעם 5טען דעצעמבער, איז ווירקליך געווען איינער פון די וויכטיגסטע מיטינגען ביי די געווערקשאפטען פאר א לאנגער צייט, און וועט זיכער בלייבען אין זכרון ביי יעדען דעלעגאט און ביי יעדען גאסט וואס איז אנוועזענד געווען צו יענעם מיטינג.

פרעזידענט מאריס זיגמאן און מע־נעדזשער האכמאן זיינען אויף דעם מי־טינג געווען איינגעלאדען צו באריכטען וועגען דעם צושטאנד אין די לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל און וועגען דעם קאמף וואס די קאמוניסטען האבען אויף דער אינטערנעשאנאל ארויפגעצוואונגען. דער „פארווערטס"־האל, וואו די געווערק־שאפטען האלטען אפ איהרע מיטינגען, איז א דאנק דעם געווען געפאקט און זיי האבען אויפגענומען דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל מיט שטורעמדיגע אפלאדיסמענטען און האבען מיט גע־שפאנטען אינטערעס זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט פון זיין באריכט.

„ס'איז פאר מיר פערזענליך א גרוי־סער כבוד איינגעלאדען צו ווערען פון די געווערקשאפטען צו באריכטען וועגען דעם צושטאנד אין אונזער ארגאניזאציע. עס פרעהט מיך זעהר צו דערצעהלען און איבערגעבען פאר אייך א טייל פון די ערפאהרונגען און באאבאכטונגען פון אונ־זער יוניאן און פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין אלגעמיין.

„די קאמוניסטישע מגפה האט זיך פארשפרייט אויף דער אידישער ארבייטער־גאס דערפאר וואס פילע פיהרער פון דער ארבייטער־באוועגונג האבען זיך ניט אנצויגען צו דער חולאת מיט דער נויטיגער ערנסט. דערפאר האט מען באצאהלט אזא טייערען פרייז.

„די טעטיגקייט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין די יוניאנס איז די גרעסטע אנשיקעניש אויף דער ארבייטער־באוועגונג, ווייל זי איז אנגעטאן אין א מאסקע פון רעוואלוציאנעריזם, און די מאסקע איז שווערער ארונטערצורייסען ווי א שטייגער מען האט ארונטערגענומען די מאסקע פון סולקעס'עס סקעב איי־דזשענסי. דערפאר איז די באוועגונג גע־פעהרליכער און איז געווען שווערער צו

(שלוס אויף זייט 12)

יוניאן ארגאניזירט 11 סטיישאנס צו קליי־בען קליידער און שיך פאר מיינערס

אויב איהר ווילט וויסען וואס הייסט קלאסען־קאמף דארפט איהר זיין אין די מיין־געגענדען פון פענסילוועניע אדער אין אהייא. — האט געזאגט פרעזידענט זיגמאן, אויף דעם מיטינג. — שנעלע הילף איז נויטיג.

אויף דעם דזשאינט עקזעקוטיוו און שאפ טשערמאן מיטינג וואס איז אפגע־האלטען געווארען לעצטען דאנערשטאג, אין וועבסטער האל, האט דזשענעראל מענעדזשער האכמאן, וואס איז געווען דער טשערמאן פון דעם מיטינג פארגע־שלאגען באשטימטע פלענער ווי אנצו־געהן מיט דער רעליף ארבייט פאר די מיינערס. דער פלאן באשטעהט, צו אר־גאניזירען קאמיטעס וועלכע זאלען זיך אפגעבען מיט דעם זאמלען אין די היי־זער קליידער, געלט און שפייז.

פרעזידענט זיגמאן האט אויף דעם מיטינג געשילדערט די נויט און עלענד פון די בראווע קעמפער, זייער מערק־ווירדיגען מוט, ווי אזוי זיי לעבען און קעמפען. א הארצרייסענד בילד איז דאס געווען.

„מיר ריידען פון קלאסענקאמף" — האט פרעזידענט זיגמאן געזאגט — „מיר דענקען, אז מיר זיינען זעהר שלעכט אפ, און איך ווייס אז די צייט איז פאר אונ־זערע מעמבערס ניט קיין גוטע. אבער אויב איהר ווילט וויסען וואו דער אמת'ער קלאסענקאמף קומט פאר, אויב איהר ווילט זעהן ווי מענשען ריזיקירען מיט זייער לעבען, ווי זיי שטעהען אויס הונגער און נויט, פארפאלגונגען פון דער פאליציי, פון די סטייט קאזאקען און פון די גדרוננגענע מערדער, האט איהר גע־דארפט זיין אין די מיין־געגענדען פון פענסילוועניא אדער אין אהייא. דארטען איז א סטרייקער געהט ארום אויף דער פיקעט ליין ווייסט ער ניט צי ער וועט זיך אומקעהרען א לעבעדיגער אהיים. און דאך געהט דער קאמף אן. די מיין אייגענטימער קענען ניט ברעכען די מאראל פון די סטרייקערס. זיי קענען ניט קריגען קיין סקעבס פון די יוניאן רייהען, און זיי האבען אריינגעבראכט נעגערס און מעקסיקאנער אלס סטרייק־ברעכער. דאס אליין איז זיי אבער ניט גענוג. זיי פראוועז איצט אויספריהערען און אויס־הונגערען די אומגליקליכע ארבייטער און

(שלוס אויף זייט 12)

ווייס פרעזידענט רייזבערג איז אויפ'ן פארלאנג פון לאקאל 22 אנגעשטעלט אלס מענעדזשער פון דעם דרעס דעפארטמענט

צוליב די פארבארייטונגען צום אר־גאניזיישאן קאמפיין אין דער דרעס אינ־דוסטריע האט א קאמיטע פון לאקאל 22 אין דער שפיצע פון ברודער שפילמאן, דער לאקאל סעקרעטער און דער טשער־מאן קופער, געפאדערט פון פרעזידענט זיגמאן אז ווייס פרעזידענט רייזבערג זאל אנגעשטעלט ווערען אלס דער מענע־דזשער פון'ם דרעס דעפארטמענט.

די פראגע איז פון מענעדזשער האכ־מאן אויפגענומען געווארען ביי דער באארד און דירעקטארס מיטינג, און דער מיטינג האט באשלאסען צו רעקאמענדי־רען צו דעם דזשאינט באארד טמצוזהיי־סען דעם פארלאנג פון לאקאל 22.

די דזשאינט באארד האט די רעקאמ־מענדאציע גוטגעהייסען און ווייס פרע־זידענט רייזבערג האט איינגעוויליגט צו פארנעמען דעם אנגעבאטענעם פאסט אין דעם דרעס דעפארטמענט.

ווייס פרעזידענט רייזבערג איז געווען מענעדזשער פון דער פילאדעלפיער וויסט און דרעסמאכער יוניאן פאר 7 יאהר צייט. ער האט זיך דורך דער צייט אויסגעצייכענט אין זיין דינסט און האט זיך ערווארבען א שעהנע רעפוטא־ציע אלס פארגינפטיגער און עהרליכער מענש.

ווען ער האט די לעצטע צייט רעזיג־נירט פון זיין אמט אין פילאדעלפיא, האט די גאנצע פילאדעלפיער ארבייטער באוועגונג אויסגעדריקט זייער אכטונג און אנערקענונג אויף א זעהר גרויסאר־טיגען אופן און זיי האבען ערנסט באדויערט זיין רעזיגניישאן. איין זאך האט נעטרייסט זיינע איבערגעבענע פריינד, וואס רייזבערג'ס רעזיגנירען איז ניט גע־

(שלוס אויף זייט 12)

אינהאלט פארצייכניס „גערעכטיגקייט", נומער 49

זייט 2. נ. י. דזשאינט באארד — ב. מאזער; אין לאקאל 38 — ב. דרייזין; לאקאל 9 — נ. קוירטצמאן.

זייט 3. פונקליוולענדער לעבען; פארבאנד קאנווענשאן.

זייט 4. א שיקאגאער אידיש — מ. ביאליס. א „גענגסטער".

זייט 5. בריף, שפיטען, מיינונגען.

זייט 6. עדיטאריעלס.

זייט 7. פרעזידענט גרין ביי די פראמע שידען — ה. לאנג.

זייט 8. אידעאל און לאגיק פון מריוד יוביאניזם (פינפטער ארטיקעל) — ב. קורינסקי.

זייט 9. בריף פון וועג (4טער בריף) — פ. דעמביצער; ביי די דרעסמייקערס — דזש. שפיעלמאן.

זייט 10, 11, 12, נייעס, שלוסען, שדוו.

טאראנטער ארבייטער קלאגען אן די מאנו־פעקטשורערס אסס'ן

דער דזשאינט באארד און איינצעלנע שעפער קלאגען די מאנופעקטשו־רערס פאר „דעמעדזשעס", פאר וואס זיי האבען געבראכען דעם אגרימענט. — סאל פאליאקאף וועט פיהרען די פארהאנדלונגען מיט איינצעלנע באלעבאטים וועגען באנייען דעם אגרימענט.

אינטערנעשאנאל ארגאנייזער סאל פאליאקאף, וואס געפינט זיך אין באס־טאן, איז אויף דעם פארלאנג פון דזשע־נעראל אפיס אפגעפאהרען קיין טאראנ־טא, קענעדע, צו פארהאנדלען מיט די באלעבאטים צו באנייען דעם אגרימענט פאר דעם קומענדען יאהר.

ברודער פאליאקאף וועט אויך העלפען דעם דזשאינט באארד אנצופיהרען זייער פראצעס נעגען דער טאראנטא'ר קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וואס האט אפגעבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן לעצטען יאהר.

דער דזשאינט באארד קלאגט דער אסאסיאיישאן און איהרע מעמבערס פאר ניט נאכקומען דעם אגרימענט אין זייערע שעפער. איינצעלנע שעפער מאגען דורך דעם געריכט דעמעדזשעס פון מיטגלידער פון דער באסעם אסאסיאיישאן פאר פאר־לעצען דעם אגרימענט.

ארגאנייזער פאליאקאף וועט, זייענ־דיג אין טאראנטא, אויך העלפען די טא־ראנטא עמבראידערי ארבייטער יוניאן לאקאל 7 צו באנייען זייער אגרימענט מיט דעם לאקאל עמבראידערי מאנופעק־טשורערס.

יוניטי הויז באל מארגען אווענט

היינטיגען שבת אווענד, דעם 10טען דעצעמבער, אין מאנהעטען אפערע הויז. — פאול ווייטמאנ'ס פיקאדילי באריהמטער ארקעסטער וועלען זיין די שפילער אויפ'ן באל.

דער לאנג ערווארטעטער רי־יוניאן טאנץ פון דער יוניטי הויז וועט פאר־קומען מארגען נאכט, שבת, דעצעמבער דעם 10טען, אינ'ם פראכטפולען באל־רום פון דער מאנהעטען אפערא האוז, אין 54טע סטריט לעבען 4טע עוועניו.

דאס וועט זיין א היימישע פארזאמ־לונג פון מיטגלידער און פריינד. אין די טויזענטער וועלען זיי קומען צו דער אונ־טערנעמונג. דער אינטערעס צוליין אויף דער אונטערנעמונג ווערט גערייצט פון פארשיידענע אורזאכען — די שעהנקייט פון'ם האל, אין וועלכען דער טאנץ וועט אפגעהאלטען ווערען; די וואונדערבארע מוזיק, וואס די פאול ווייטמאן פיקארילי שפילער וועלען שפילען, און מעהר פון אלעס איז פאראן א באגעהר ווידער צו זעהן זיך מיט די פריינד, מיט מען האט צוזאמען פארבראכט א פרעהליכען וואַ־קיישאן אין יוניטי הויז. א סך פון אונ־זערע מיטגלידער, וועלכע האבען פאר־פעהלט צו זיין אין יוניטי הויז, זיינען איצט נייגעריג צי אטענדען די רי־יוניאן אונטערנעמונג, כדי צו באגעגענען זיך מיט אלע זייערע פריינד און אלטע באַ־קאנטע.

אזוי ווי דער ציל פון דער אונטער־נעמונג איז ניט קיין פראפיט־זאך, נאר עקסטרא אראנזשירט אז פריינד און באַ־קאנטע זאלען האבען א געלעגענהייט צו באגעגענען איינער דעם אנדערען און זיך משמח זיין, האבען מיר דעריבער באַ־שלאסען אז א טיקעט זאל קאסטען ניט מעהר ווי א דאלאר איינשליסענדיג ווארד־ראָב. די טיקעטס קען מען באקומען אין ערדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט. טעלעפאן: טשעלסי 2148.

אויב איהר ווילט־זיכער זיין, אז איהר וועט קענען אנוועזענד זיין אויף דער טאנץ־אונטערנעמונג, מוזט איהר קריגען טיקעטס וואס פריהער.

אלזא, פארגעסט ניט צו קומען צום יוניטי רי־יוניאן טאנץ, שבת, 10טען דעצעמבער.

מיר ראטען אייך צו קומען אין צייט. ארום 9 אזייגער איז די ריכטיגע צייט.

פארלירט ניט די גליקליכע געלעגענ־הייט צו זיין מארגען נאכט אין מאנהע־טען אפערא הויז. 34טע סט. און 8טע עוועניו.

צווייטער באסטאנער שאפ-טשערמאן מיטינג פארהאנדעלט וויכטיגע פראגען

דיסקוטירען צוטיילונג פון ארבייט, סלעק פראבלעמען, די טעטיגקייט פון באארד אוו סאניטארי קאנטראל. — ברודער דעמביצער אדרעסירט א רייע מיטינגען אין באסטאן.

די נייע אדמיניסטראציע אין דער באסטאנער יוניאן האט איינגעפירט א וואס מעהר ברייטערע מאסען-טעטיגקייט צווישען די יוניאן מיטגלידער, כדי די ברייטע מעמבערשיפ צו פאראינטערע-סירען מיט די פארשידענע וויכטיגע טרייד און יוניאן פראגען. צו דיזען צוועק רופט זי אפטע מעמבערשיפ מי-טינגען, און רעגעלמעסיגע שאפ-טשער-לייט מיטינגען.

לעצטע וואך זיינען פארגעקומען א גאנצע רייע יוניאן מיטינגען מיט ברודער פאול דעמביצער פון אינטערנעשאנעל אפיס, וועלכער האט פאר דער באסטא-נער מעמבערשיפ קלאר געמאכט א רייע פראגען, וואס אינטערעסירען יעדען קלאוק און דרעסמאכער אין איצטיגען מאמענט. לעצטע וואך איז אויך פארגע-קומען דער צווייטער פון די רעגעלמעסי-גע שאפ-טשערלייט מיטינגען, וועלכער איז געווען זעהר גוט באזוכט, און האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס צווישען אלע אנוועזענדע.

ברודער ס. פאלאקאוו, אינטער-נעשאנעל ארגאנייזער, איז געווען טשער-מאן פון דיזען מיטינג און ערקלערט די אויפגאבען פון די פארהאנדלונגען. אין זיין ערעפענונגס-רעדע האט ער ערקלערט די פליכט פון דער מעמבערשיפ אין שאפ אין דער סלעק טיים און פארלאנגט די ארבייטס-צוטיילונג צווישען די ארביי-טער אין שאפ, כדי אלע זאלען האבען גלייכע פארדינסטען. דער טשערמאן האט דאן פארגעשטעלט מרס. רענטאול, די סעקרעטערין פון דער דזש. באארד אף סאניטארי קאנטראל. מרס. רענ-טאול דערצעהלט אויף א זעהר אינטע-רעסאנטען אופן וואס פאר א ניצליכע ארבייט די דזשאינט באארד אף סאני-טארי קאנטראל טוט אויף אין די דע-פארטמענט סטארס און צווישען די פארשידענע פרויען ארגאניזאציעס, כדי פאפולער צו מאכען דעם פראסאנים לייבעל. אין א קורצער צייט, זאגט די רעדנערין, וועלען אלע גרויסע דעפארט-מענט סטארס האבען דעם פראסאנים לייבעל, ווייל דאס פובליקום וועט פאר-לאנגען דרעסעס וואס ווערען אויסגעאר-בייט אין סאניטארע שעפער. אפעלירענ-דיג צו די שאפ טשערלייט, אז זיי זא-לען אין די שעפער אכטונג געבען דערויף, אז אויף די גארמענטס זאלען אנגענייט ווערען די פראסאנים לייבעל, האט די רעדנערין פארענדיגט איהר אינטערע-סאנטען באריכט. די צווייטע רעדנערין איז געווען מיסס לאסקאס, דירעקטאר פון דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל. זי האט זיך הויפטזעכליך אפגעשטעלט אויף דעם שווערען קאמף, וואס עס קומט אויס צו פיהרען מיט די מאנופעקטשורערס פאר ריינע סאניטארע באדינגונגען אין די שעפער.

נאכדעם ווי ברודער פאלאקאוו האט געענטפערט אויף אלע פראגען פון די שאפ-טשערלייט, האט ער פארגעשטעלט ברודער פ. דעמביצער פון אינטערנעשא-נעל אפיס אין ניו יארק.

ער האט דערצעהלט ווענען זיין בא-זוך אין אלע לאקאלען פון דער אינטער-נעשאנעל איבער'ן לאנד, און ווי די לא-גע ענדערט זיך אין דעם טרייד. ער צייגט אן ווי די באדינגונגען אין דעם טרייד איז די ווייטע שטעדט פון דער וועסט האבען א דירעקטען איינפלוס אויף די באדינגונגען אין באסטאן און אין ניו יארק. דער קריזיס אין דער אינ-דוסטריע ווערט איצט ערנסט באטראכט פון אלע ארבייטער פון טרייד, וועלכע האבען זיך שוין באפרייט פון'ם „לינ-קיזם" און באציהען זיך שוין ערנסט צו זייערע לעבענס פראבלעמען.

די נעקסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל, זאגט ער, וועט זיין פריי פון די צוויסטיגקייטען צווישען „לינקע" און „רעכטע", און די קאנווענ-שאן וועט האבען די מעגליכקייט אינגאנ-צען זיך אפגעבען מיט די טרייד-פראב-לעמען. ער צייגט אן ווי די אינטער-נעשאנעל ווערט איצט אינטערנאציאנאל נים נאר אין געאגראפישען זין, נאר אויך אין דעם זין פון ראסען און נא-ציאנאליטעטען, ווייל עס זיינען איצט באשעפטיגט אין דעם קלאוק און דרעס טרייד א גרויסער פראצענט ארבייטער פון פארשידענע נאציאנאליטעטען, ווי איטאליענער, פאליאקען, דייטשען, אמע-ריקאנער און אנדערע. די אינטערנע-שאנעל, זאגט ער, וועט האבען פאר זיך א גרויסע אויפגאבע אט די אלע ארביי-טער ארגאניזירען אין דער יוניאן און דורך דעם אנהאלטען די אויסגעקעמפטע באדינגונגען פאר די ארבייטער פון די קלאוקס און דרעס אינדוסטרי.

די רעדע פון פ. דעמביצער אנז פון די פארזאמעלטע אויסגעהערט געווארען מיט טיפען אינטערעס און איז הארציג אפלאדירט געווארען.

בלויז איין וואך צייט בלייבט צום שעהנעם טאנץ פון דעם יוניטי רי-יוניאן אווענט

שבת, דעם 10טען דעצעמבער, אין מאנהעטען אפערא הויז.

וואס א טאג ווערט אלץ ווענינער צייט צוצוגרייטען זיך צום גרויסען יוניטי רי-יוניאן טאנץ. אויב איהר ווילט עס זאל אייך נים באנג טאן, דאן פארנאכ-לעסיגט ניט און גרייט זיך גלייך צו. געדענקט, אז איהר האט בלויז 2 וואכען צייט.

די אראנזשמענטס קאמיטע האט גע-מאכט אלע נויטיגע פארברייטונגען פאר דעם אווענט. די קאמיטע האט נים גע-שפארט קיין מיה און קיין געלט און גע-זעהן אז אלץ זאל אויסקוקען ארטיסטיש און זאל זיין אן ערפאלג אין יעדען זין.

עס וועט זיין א פארגעניגענס-אווענט, וואו מעמבערס און זייערע פריינט וועלען זיך באגעגענען און וועלען זיך אויף א גרויסארטיגען אופן פרעהליך אונטערהאל-טען, און מיר קענען דעריבער פאראויס-זאגען, אז די הייניגע יאהריגע אונטער-נעמונג וועט זיין א גרעסערער ערפאלג ווי עס איז ווען עס איז געווען.

עס וועלען אויך אנוועזענד זיין די אקטיארען, ארטיסטען, מוזיקאנטען און די אלע אנדערע וועלכע האבען אונז אויף א גרויסארטיגען אופן אמוזירט לעצ-טענס אין יוניטי הויז. אויך וועלען אנ-וועזענד זיין די לעקטשורערס, וועלכע האבען אנגעפיהרט די פארשיידענע דיס-קוסיעס, און עס וועלען אויך אנוועזענד זיין דער גאנצער מענעדזשינג הויז-סטאף.

דער הויפט פיטשור פון דעם אווענט וועט זיין דער טאנץ, וועלכער וועט בא-גלייט ווערען מיט מוזיק פון דער פאל וויטמאן קלעזמער-קאפעליע.

די וואס ווילען האבען פארגעניגען און פארברענגען אן אונפארגעסליכען פרעהליכען אווענט קענען באקומען טי-קעטס אינ'ם עדיוקיישאנאל דעפארט-מענט, 3 וועסט 16טע סט.

די טיקעטס, אריינרעכענענדיג ווארד-ראב, באטרעפט בלויז 1 דאלאר און נים מעהר.

א שעהנער אווענט פאר די מיטגלידער פון לאקאל 62

די מיטגלידער פון לאקאל 62 ווע-לען זיך אויף א גרויסארטיגען אופן משמח זיין אויף א טאנץ-אווענט, וואס דער לאקאל האט אראנזשירט אויף מאר-גען, שבת אווענט, 3טען דעצ., אין דעם אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן, 3 וועסט 16טע סטרים. דער טאנץ וועט זיך אנהויבען פינקטליך 8 אוהר אווענט. די אראנזשמענטס קאמיטע האט גע-טאן אלעס מעגליכעס, אז די אונטערנע-מונג זאל זיין א גרויסער ערפאלג און די [illegible] וועט זיין אויף א גרויסארטיגען אופן. עס וועט זיין פרעהליך און לעבעדיג אין יעדען ווינקעלע. פאר די מעמבערס וועט דאס זיכער זיין אן אונפארגעסליכער פארגע-ניגענס-אווענט.

דאס איז די ערשטע פון א רייהע אונטערנעמונגען, וואס דער עדיוקיישא-נאל דעפארטמענט, אין פארבינדונג מיט אן עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 62, האט אראנזשירט פאר דעם סיזאן.

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון לאקאל 62, 117טע 2טע עוועניו.

1,200 קאטערס שטימען פאר פילאדעלפיער רעקאמענדאציע און באסטאן אלס קאנווענשאן שטאדט

וויים פרעזידענט דייוו דובינסקי איינשטימיג געוועהלט אלס מענעדזשער פון לאקאל 10 אויפ'ן גרויסען היסטארישען מיטינג אין ארלינגטאן האל.

דער קאטערס מיטינג לאקאל 10, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מאנ-טאג אווענט אין ארלינגטאן האל — דער שטענדיגער פארזאמלונגס פלאץ פון די ניו יארקער קאטערס, — איז לויט דער פארזיכערונג פון די עלטסטע מעמבערס פון לאקאל 10 געווען דער גרעסטער אין דער געשיכטע פון לאקאל מיטינגען. 12 הונדערט קאטערס האבען איבערגעפאקט דעם האל ביז צום לעצטען ברעקעל פלאץ, און העכער פיר הונדערט האבען זיך גע-מוזט צוריקקערען, נאכדעם ווי זייערע יוניאן-ביכלאך זיינען געסטעמפט געווא-רען, אלס באווייז אז זיי האבען ערפילט זייער עלעקשאן-פליכט.

די אויסערגעוועהנליכע צאהלרייכע ערשיינונג לאזט זיך ערקלערען דערמיט, וואס אויף דער טאג-ארדנונג פון מעמבער-מיטינג זיינען געשטאנען אזעלכע וויכ-טיגע פראגען ווי די ביידע רעפערענדומס פון דער אינטערנעשאנאל, ווענען פרא-פארשאנעל רעפרעזענטיישאן צו די קאנ-ווענשאנס און ווענען דער קומענדער קאנ-ווענשאן-שטאדט, ווי אויך די נאמיניי-שאנס פאר באצאהלטע און אומבאצאהל-טע באאמטע.

די מיטגלידערשאפט האט איינשטימיג אנגענומען די פילאדעלפיע רעקאמענדא-ציע ווענען דער מאדיפיצירטער פראפאר-שאנאל רעפרעזענטיישאן און געשטימט פאר באסטאן אלס די שטאדט פון דער קאנווענשאן אין מאי, 1928. עס איז אויך געמאכט געווארען א פאלשטענדיגע נאמינייישאן פאר אלע באאמטע, פאר דער עקזעקוטיוו באארד און פאר ביזנעס איי-דזשענטס פאר דעם יאהר 1928.

וויים פרעזידענט דייוו דובינסקי, מע-נעדזשער פון לאקאל 10, וועלכער איז אהן א געגען-קאנדידאט נאמינירט געווארען אלס זיין אייגענער נאכפאלגער, איז אין איינקלאנג מיט די רולס פון דער קאטערס ארגאניזאציע ערקלערט געווארען אלס ווידער-ערוועהלט פאר דעם נעקסטען יאהר. דאס זעלבע איז אויך געשעהן בנוגע אסיסטענט-מענעדזשער שענקער, טשערמאן מ. וו. דזשייקאבס און וויים-טשערמאן מאקס סטאלער. די וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד און ביזנעס איי-דזשענטס וועלען פארקומען שבת, דעם 17טען דעצעמבער, און די אינסטאליי-שאנס פון די אפיסערס וועלען שטאט-פינדען מאנטאג, 19טען דעצעמבער.

צווישען אנדערע וויכטיגע באשלוסען איז אויך אנגענומען געווארען א באשלוס צו טעקסען יעדען מעמבער מיט א דאלאר פאר דעם רעליף-פאנד פון לאקאל 10. דיזער מערקווירדיגער מיטינג פון לאקאל 10 האט אויך געשטימט אפצושאפען די צייטווייליגע דזשאבס בעת דעם סיזאן און צווינגען דערמיט די באלעבאטים, אז זיי זאלען זיך באזארגען מיט שטענדיגע קאטערס. דיזער באשלוס וועט מיט דער פולער שטרענגקייט אפגעהיט ווערען אין אלע שעפער פון דער אינדוסטריע.

די קאטערס האבען אויך באשלאסען צו אונטערשטיצען די רעליף-באוועגונג פון דער אינטערנעשאנאל פאר די סטריי-קענדע מיינערס, און צו דיזען צוועק רע-קאמענדירען זיי צו עפענען א זאמעל-צענטער אין אפיס פון לאקאל 10 פאר קליידער און שיך פאר די סטרייקערס און זייערע פאמיליען.



איינער פון צעהן איז א מבין

איינער פון צעהן פערשטעהט די שעהנקייט פון ארכיטעקטור. איינער פון צעהן בע-גרייפט די הנאה פון אמת'ע טאבאק קוואליטעט.

יענער מענש שטרענגט זיך אן צו קריגען מיוראד. ער וועט נים נעהמען קיין אנדערען ווייל קיין אנדערער אויסער מיוראד קען איהם נים צופריעדענשטעלען.

דער מענש, וועלכער בעגרייפט דעם זעלטענעם געשמאק און ארמאט, וואס קומט פון אויס-געצייכענטער מישונג רויכערט נור מיוראד. דערפאר געהט אן מיוראד יאהר-איין, יאהר-אוים.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סי-גארעט פאר דעם אויסערגע-וועהנליכען מאן, וועלכער פיהלט דאס ער איז בערעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען.